NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13041

OLIVER TVIST

Charles Dickens

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פיאנערן ביבליאטעק

ט ש. דיקענס

אליווער טוויסט

№ 4

ייִדישע ביבליאָטעק
און פּרעסע ארכיוו
[82—3]
13/32263

שול- און פּיאָנערן-ביבליאָטעק
אונטער דער רעדאקציע פון ל. רעזניק

MICROFORM

פּריוואטע ביבליאָטעק
משה אדאבער
ניו-יאָרק

טש. דיקענס

אליווער טוויסט

№ 4

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג
„קולטור-ליגע"
קיעוו — 1925

מעלוכע - טרעסט „קיעוו - דרוק"
4-טע דרוק. וואָראָווסקע גאַס 42.
באַשט. № 2959. בעדרוקט 4000
(גובליט 9466 קיעוו)

אָליווער טוויסט

1

דאָס אָרט, וואו אָליווער איז געבוירן געוואָרן

אין איינער א באוואוסטער שטאָט איז צווישן קאָלעדליי גע-זעלשאַפטלעכע דירעס געשטאַנען א „הויז פאַר אָרעמע לייט״. אין אָטדעם הויז איז געבוירן געוואָרן דער העלד אונזערער.

דער רויפע האָט געהאָלפן דעם קינד ארויסקומען אף דער וועלט. נאָר ביז ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס קינד רעכנט טאַ-קע אינדערעמעסן פאַרבלייבן, האָט אביסל געדויערט.

אָליווערן איז פון סאמע טכילעס זייער שווער געוועזן צו עטעמען. ער איז געלעגן אומבאוועגלעך אף אַ זעקל, א אָנגע-שטאָפּטס מיט וואָס, און לעבן מיט טויט האָבן זיך איבער-אים געאמפּערט. ס'האָט שוין אפילע געהאלטן דערביי, אז דער לעצ-טער זאָל איינעמען.

ווען אָליווער וואָלט דעמאָלט געוועזן אַרומגערינגלט מיט גע-טרייע באָבעס און מומעס, מיט געניטע אמען און טיף-געלערנ-טע דאָקטוירים, וואָלט ער, אָן שום סאָפעק, אוועק אף יענער וועלט. נאָר, צום גליק זיינעם, איז לעם אים קיינער ניט געוועזן, כוץ א אָרעמער אַלטיטשקער, וואָס האָט זיך קאָם געהאַלטן אף די פיס מאכמעס צופיל ביר טרינקען, און כוץ א רויפע, וואָס האָט געהיילט „לויט קאָנטראקט״.

האָבן אָליוועך און די נאַטור געזיגט. נאָך עטלעכע פּרואוון האָט ער, אָליוועך, א זיפץ געטון, א ניס געטון און גענומען הויך, אף א קאָל, מעלדן די איינוואוינער פון „הויז פאר אָרעמע לייט", אַז ס'איז צוגעקומען א נייע באַשעפעניש, א נייער איינוואוינער. די מעלדונג איז געמאַכט געוואָרן מיט א לאַנגן שאַרפן קוויטש.

טייקעף נאָכן קוויטש האָט זיך רירן גענומען די צעריסענע קאָלדרע אַפן בעטל. א בלייכער קאָפּ פון א יונגער פרוי האָט זיך שווער אופגעהויבן פון קישן און א שוואַך, ציטעריק קאָל האָט געזאָגט:

— לאָזט מיך אַ קוק טון אפן קינד. וועל איך קאָנען רואיק שטארבן...

דער רופא איז געזעסן לעם קאַמין און מיט האַנאָע געוואַרעמט, געריבן די הענט. ער איז אופגעשטאַנען, איז צוגעגאַן צום בעטל און האָט געזאָגט מיט א אומגעוויינלעך-ווייך, מילד קאָל:

— ווייס איך. וואָס רעדט איר וועגן שטארבן?

— גאָט באַהיט! — האָט א זאָג געטון די אַלטיטשקע און האָט אפּדערגיך, פלינק באַהאַלטן אין קעשענע אריין דאָס גרינע פלעשל, פון וועלכן זי האָט די גאַנצע צייט געשמאַק געזויגן אין איר ווינקל — יאָ, אַ מאַמע זיין איז ניט קיין גרינגע מאַיסע! נאַ, זע: אָט איז דיין קינד.

דער רופא האָט דערלאַנגט דאָס קינד דער מוטער אין די הענט אריין.

זי האָט היציק צוגעדריקט אירע קאַלטע, ווייסע ליפּן צום קינדס קעפּל, זי האָט א גלעט געטון מיט דער האַנט זיין פּאָנעם, דערנאָך האָט זי ווילד א קוק געטון ארום זיך, האָט א פלאַטער געטון, איז אומגעפאַלן מיטן קאָפּ אַראָפּ און — איז געשטאָרבן.

דער רופא און די אַלטיטשקע האָבן איר געריבן, געוואַרעמט די ברוסט, די הענט, די שלייפן, נאָר — אומזיסט און אומנישט, די פרוי האָט ניט אופגעוואַכט.

— זי איז פאַרטיק, מיסטריס סינגעמי! — האָט געזאָגט דער רופא.

— אַך, אַזאַ אומגליקלעכע! — האָט געזאָגט די אַלטיטשקע און האט אופגעהויבן דעם קאָרעק, וואָס איז אראָפּגעפאַלן אפן קישן בעאיים וי האָט זיך אָנגעבויגן נעמען דאָס קינד, — אַזא אומגליקלעכע!

— וואָלסט ניט שיקן רופן מיך, אַז דאָס קינד וועט שרייען, — האָט געזאָגט דער רויפע, אָנטוענדיק די הענטשן, — אויב ער וועט אומרואיק זיין, גיב איט אביסל קאַשע.

ער האָט, דער רויפע, אָנגעטון דעם הוט זייַנעם און זיך געלאָזט צו דער טיר. נאָר באם בעטל האָט ער זיך אף א רעגע פאַרהאלטן און האָט געזאָגט:

— זי איז א גאַנץ כיינעוודיקע געווען. פין וואַנען איז זי עס אָנגעקומען?

— סע האָבן זי נעכטן באַנאַכט געבראַכט אַהער די שטאָט-וועכטער, — האָט געענטפערט די אַלטיטשקע, — זיי האָבן זי געפונען ליגן אינמיטן גאַס. זעט אויס, פון ווייט איז זי אָנגעקומען, די שטיוול אירע זיינען אינגאַנצן צעריסן געווען. פונוואַנען איז זי געגאַן און וואוהין — ווייסט קיינער ניט.

דער רויפע איז אַוועקגעגאַן עסן וואַרעמעס. די אַלטיטשקע האָט ווידער א זיפּ געטון פון גרינעם פלעשל, האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן קאמין און גענומען אָנטון דאָס קינד.

זי האָט עס ארומגעוויקלט מיט א געל-אָפּגעבליאַקעוועטער קאָלדרע, און סע איז געוואָרן אַ שטאָט-קינד, א יאָסעם פון „הויז פאַר אָרעמע לייט", א קאַפּצענדל, וואָס איז אף עלנט און אף צאָרעס פאַרלאָזט אין דער גאָרער וועלט.

אָליווער האָט מיט אלע קויכעס געשריגן. ווען ער וואָלט פאַרשטאַנען, אַז ער איז א יאָסעם, וועגן וועלכן ס'דאַרף איצט זאָרגן די שטאָט-מאַכט, וואָלט ער געוויס אַסאַך, אַסאַך העכער געשריגן.

II

ווי אזוי מ׳האָט אָליווערן דערצויגן

מ׳האָט אַוועקגעגעבן דערציִען אָליווערן אין א דערפל, דריי מייל גאַנג פון שטאָט.

דאָרט האָבן א צוואנציק—דרייסיק קינדער, וואָס האָבן פאַר־זינדיקט קעגן געזעץ ווענן אָרעמע לייט, גאַנצע טעג געוואַלגערט זיך אַפן דיל, מיט קליידונג און מיט שפייז זיינען די קינדער נים זייער צעפרידנגעשטעלט געווען. מ׳האָט דאָרט ה״י א מוטער אַכטינג געגעבן אַף די קינדער א באַיאָרטע פרוי. באַקומען פלעג זי, די פרוי, פאַר יעדער איינעם פון די פאַרברעכער צו זיבן פענס א וואָך.

זיבן פענס · אַ וואָך — דאָס איז גאָר א פיינע דיִעטע פאר א קינד! מע קאָן אַסאַך איינקריפן פאַר זיבן פענס, זייער א סאַך אַזוינס, וואָס איז אומשטאַנד צו שווער מאַכן און קאליע מאַכן דעם מאָגן!

די אופזעערן איז געווען א פאַרשוין מיט כעשבן און מיט געניטקייט: זי האָט געוואוסט, וואָס אַזוינס איז נוצלעך פאַר די קינדער, און נאָך בעסער—וואָס איז נוצלעך פאַר איר אליין. זי פלעג איבערלאָזן זיך א גרויסן טייל פון דער וואָך־האַכנאָסע, און אַזוי ארום פלעג זי אָפהיטן דעם יונגן דאָר.

דאָס קינד פלעג קראַנק ווערן פון הונגער און קעלט און פלעג אוועק אַף יענער וועלט.

ס׳פלעג טרעפן, אַז מ׳האָט דאָס קינד געטרייסלט א־ניינעם מיטן מאַטראַצל בעאיים צורעכטמאַכן דאָס בעטל, אָדער אַמאָל פלעג מען אָפּבריען דאָס קינד בעאייסן וואַשן. דעמאָלט פלעגן די ריכטער אָנהויבן א שטרייגגע אויספאָרשונג, און די מ׳טגלידער פון דער געזעלשאַפט פלעגן שרייבן פראָטעסטן. נאָר דעמאָלט פלעגן זיך טייקעף באַווייזן אלס איידעס — דער דויטע און דער פאַרוואַלטער. דער דויטע פלעג געוויינלעך פּאַלמעסן דאָס קער־

פערל און פלעג גאָרניט ניט געפינען, דער פּאַרוואַלטער — פלעג געבן אַ שוואוע. דאָך פלעגן די מיטגלידער פונם געזעל-שאַפט-ראַט פון צייט צו צייט קומען צו גאַסט אין דערפל אַריין. זיי פלעגן באַצייטנס צעוויסן געבן, אַז זיי „גייען".

די קינדער פלעגן שטענדיק באַווייזן זיך פאַר זיי זייער ריי-נינקע, ציכטיקע: איז וואָס באַדאַרף מען נאָך ?-

דערדאָזיקער מין דערציאונג האָט, פאַרשטייט זיך, ניט גע-קאָנט אויסכאָוועון קינדער מונטערע, פריילעכע.

צו ניין יאָר איז אָליווער טוויסט שוין געווען א בלייך, אויסגעצערט קינד. די נאטור אָבער האָט באַשאָנקען אָליווערס קערפּערל מיט עפּעס א מין ווילדן גײַסט. גאַנץ מעגלעך, אז סאַ-קע דער הונגער, וואָס האָט אַכזאָריעסדיק געהערשט אין יעסוי-מים-הויז, האָט פאַרשטאַרקט אָט דעם גײַסט און דערמיט פאַרהיט אָליווערן פון טויט.

איינמאָל האָט ער, אָליווער, געפייערט זיין געבורטס-טאָג אינאיינעם מיט נאָך צוויי יונגע דזשענטלמענען אין קעלער פאַר קוילן, וואוהין מ'האָט זיי פאַרשפאַרט, דערפאַר וואָס זיי האָבן געהאַט די האָזע צו מעלדן, אַז זיי זיינען הונגעריק. פלוצלינג איז מיסטריס מען, די מילדע אופזעערן פון יעסוימים-הויז, גע-פלעפט געוואָרן פאַר כידעש: ס'האָט זיך אומגעריכט באַוויזן דער פאַרוואַלטער, מיסטער באָמבל. ער איז געשטאַנען בא דער פערט-קע פון גאָרטן און זיך געמיט אופעפענען זי.

— אָך, גאָט מיינער, דאָס זיינט איר, מיסטער באָמבל? — האָט זי אויסגעשריגן, מיסטריס מען, מיט געמאַכטער פרייד. אַרויסרוקנדיק דעם קאָפּ דורכן פענצטער (סוסאַנאַ! נעם אָלי-ווערן און די אַנדערע צוויי מאַלפּעלעך און וואַש זיי גיכער אָפּ!)— אַך, מיסטער באָמבל, ס'איז אַ פרייד בא מיר, וואָס איך זע אייך!

נאָר מיסטער באָמבל איז געווען א מענטש א נערוועזער; אנשטאָט צו ענטפערן אף אַזאַ פריידפולער באגריסונג, האָט ער מיטן גאַנצן קויעך פון די פיס געקלאַפט אין דער פערטקע.

— וואָס איז? — האָט אַרויסלויפנדיק געזאָגט מיסטריס מען (די דריי אינגלעך האָט מען שוין אוועקגעפירט).— אָך, גאָט מייַנער! פאַרטון מיט די קינדער, האָב איך גאָר פאַרגעסן, אז די פּערטקע איז פאַרשפּאַרט. קומט אַריין, סער, קומט אַריין, כ׳בעט אייך, מיסטער באַמבל, זייט אַזוי גוט...

כאָטש דידאַזיקע אייַנלאַדונג איז באַגלייט געווען מיט אַ פּייַנעם רעווערענס, וואָס וואָלט געמעגט ווייכער מאַכן דאָס האַרץ פון פאַרוואַלטער, דאָך איז ער, דער פאַרוואַלטער, נאָך פאַרבליבן אופגערעגט.

— איר האַלט פאַר העפלעך און פאַר פיין, מיסטריס מען,— האָט געפרעגט מיסטער באַמבל, קלאַפּנדיק מיטן שטעקן זייַנעם,— איר האַלט פאַר העפלעך און פיין צו צווינגען די אָנגעשטעלטע פון דער געזעלשאַפט וואַרטן בײַ אייַער פּערטקע, בעת־ס אין דער מינדסטער פאַרזאַמונג הייַנגט אָפּ דער גורל פון די אומגליקלעכע יעסומים? איר פאַרגעסט, מיסטריס מען, אַז איר זייַנט אַ פּערזאָן, וואָס די געזעלשאַפט געטרויט איר, אַ פּערזאָן, וואָס באַקומט געהאַלט פון דער געזעלשאַפט!

— איך פאַרזיכער אייך, מיסטער באַמבל, איך האָב נאָר וואָס געזאָגט איינעם פון מייַנע ליבע קינדערלעך, אַז הייַנט — מאָרגן דאַרפט איר קומען. זיי האָבן אַזוי־פיל אָפּשיי פאַר אייך, די קינדערלעך! —

שטיל און האַכנאָעדיק איז געווען דאָס קאָל פון מיסטריס מען. מיסטער באַמבל האָט זייער געהאַלטן פון זייַנע רעדנערישע פייאיקייטן און, בִּיכלאַל, פון זייַן גאַנצער פּערזענלעכקייט. ער האָט געפונען פאַר מעגלעך ווייכער מאַכן זייַן גראָבן טאָן.

— פיין, פיין, מיסטריס מען,— האָט ער געענטפערט,— זאָל זיין אַזוי. לאָמיר אַרייַנגיין, מיסטריס מען, איך דאַרף מיט אייך איבעררייַדן. איך בין געקומען צוליב אַ איניען.

מיסטריס מען האָט אַרייַנגעפירט דעם פאַרוואַלטער אין אַ קליין צימערל, צוגערוקט אים אַ בייַנקל און מיט איראָס־האַקאָוועד אוועקגעלייגט זייַן דרייעקיקן הוט און זייַן שטעקן אויפן

טיש. מיסטער באָמבל האָט אָפּגעווישט פון פּאָנעם דעם שווייס, האָט מיט האַנאָע א קוק געטון אַף זיין דרייעקיקן הוט און האָט א שמייכל געטון.

— איצטער... זייט אַזוי גוט, איר זאָלט קיין פּאַריבל ניט האָבן אַף מיר דערפאר, וואָס איך וועל אייך זאָגן, — האָט א זאָג געטון מיט א וואונדערלעך־צאַרטן קאָל מיסטריס מען, — איר זיינט דאָך אַזוי ווייט געגאַנגען... ווערט איר ניט אויסטרינקען א טראָפּנדל, מיסטער באָמבל?

— קיין איין טראָפּנדל ניט, קיין איינס ניט! — האָט מיט גרויס זעלבסטווערדע אויסגעשריגן מיסטער באָמבל און האָט א פּאָכע געטון פון זיך מיט דער האַנט. געווזט האָט נאָך אַף זיין פּאָנעם די פריערדיקע מילדקייט.

— איך האַלט, אז איר דאַרפט זיך ניט אָפּזאָגן — האָט געזאָגט מיסטריס מען, — בלויז אַ טראָפּנדל... א פּיצעלע טראָפּנדל... מיט א טראָפּנדל קאַלטער וואַסער און מיט א שטיקל צוקער.

מיסטער באָמבל האָט אַ הוסט געטון.

— גאָר־גאָר א פּיצעלע טראָפּנדל, — האָט געבעטן מיסטריס מען, — פאַראַן, פאַרשטייט איר מיך, אַביסעלע אין הויז... צוליב די קראַנקע קינדער, מיסטער באָמבל.

מיסטריס מען האָט אופגעעפנט די שאַפע און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ פלעשל און אַ גלאָז:

— דזשין איז עס...

— איר גיט די קינדער אייערע טיי מיט דזשין, מיסטריס מען? — האָט געפרעגט מיסטער באָמבל, נאָכשפּירנדיק מיט די אויגן אירע באַוועגונגען.

— וואָס דען זאָל מען טון? כאָטש ט׳קאָסט אפילע טייער... נאָר איר ווייסט דאָך, איך קען ניט צוזען ווי זיי ליידן, די קינדערלעך.

— יאָ, — האָט געזאָגט מיסטער באָמבל, — איר זיינט זייער א גוטהארציקע פרוי. מיסטריס מען (זי האָט דערווייל אַוועקגעשטעלט די גלאָז). כ׳וועל אומבאַדינגט דערמאָנען וועגן אייך

דער געזעלשאַפט, מיסטריס מען (ער האָט צוגערוקט די גלאָז צו זיך). איר באַציט זיך צו די קינדער, ווי אַ געטרייע מוטער, מיס-טריס מען (ער האָט צעניפּגעמישט דעם דושין מיט וואסער). איך... וועל מיט פאַרגעניגן אויסטרינקען פאַר אייער געזונט, מיסטריס מען.

ער האָט מיטאַמאָל אַריינגעשלונגען א האַלבע גלאָז.

— איצטער צום איניען, — האָט ער געזאָגט, מיסטער באַמבל, און האָט אַרויסגענומען פון קעשענע א לעדערנעם טייסטער.

— דאָס אינגל, וואָס הייסט אָליווער טוויסט, איז היינט אלט געוואָרן פונקט צען יאָר.

— אַ טייער קינד! — האָט איר איבערגעשלאָגן די רייד מיס-טריס מען און האָט א רייב געטון מיטן עק פאַרטוך דאָס לינקע אויג.

— ניט געקוקט דערויף, וואָס מיר האָבן באַשטימט א לוין פון צוואַנציק פונט סטערלינג, ניט געקוקט דערויף, וואָס די גע-זעלשאַפט האָט אַוועקגעלייגט פיל קויעך און מויעך אַף צו קלאָר מאַכן די זאַך, ווייסן מיר אַדאַיעם ניט ווער איז זיין פאָטער, זיין מוטער, ווייסן מיר ניט זיין איכעס, ניט זיין נאָמען.

מיסטריס מען האָט פאַרכידעשט א פּליעסקע געטון מיט די הענט:

— ער הייסט דאָך אָליווער טוויסט!

דער פאַרוואַלטער האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט שטאָלץ געזאָגט:

— דאָס האָב איך צוגעטראַכט דעם דאָזיקן נאָמען!

— איר, מיסטער באַמבל?

— איך, מיסטריס מען. די געפונענע קינדער גיבן מיר נעמען לויטן לאַטיינישן אַלעפבייס. דאָס לעצטע קינד האָט געקריגן דעם אָס ס., האָב איך אים אַ נאָמען געגעבן סוואָבל. אַז מ'האָט אונז געבראַכט אָט דעם דאָזיקן פאַרשוין, האָט עס געהאַלטן באַם אָס ט., האָב איך אים א נאָמען געגעבן טוויסט. דעם קומענדיקן אין דער ריי וועל איך אַ נאָמען געבן אונגווין, און אַזוי ווייטער.

ס'זיינען בײַ מיר פּאַרטיק געמען ביזן סאָף אַלעפּבײס. דערנאָך וועל איך אָנהויבן אפּסניי פון אָנהויב.

— אָ, זייגט איר דאָך א טאַלאַנטפולער שריפטשטעלער, מיס-טער באָמבל!

— יאָ, יאָ,— האָט געענטפערט דער פּאַרוואַלטער, וועלכן ס'האָט זייער האַנאָע געטון דער קאָמפּלימענט. — גאַנץ מעגלעך, גאַנץ מעגלעך, מיסטער מען.— ער האָט אויסגעטרונקן די רעשט דזשין און האָט צוגעגעבן:— איצט איז שוין אָליווער צו גרויס, ער טאָר שוין דאָ ניט פאַרבלייבן. די געזעלשאַפט האָט באַשלאָסן אים צונעמען צוריק, אין „הויז פאַר אָרעמע לייט". דאָס בין איך נאָך אים געקומען. באַווייזט אים מיר אַהער.

— אָט-טייקעף ברייננ איך אים,— האָט געזאָגט מיסטריס מען און איז אַרויס פון צימער.

אָליווער, וועלכן מ'האָט שוין באַוויזן אַרומוואַשן און אָנטון, איז אַריינגעקומען אין צימער אַריין נאָך דער אופזעערין.

— נויג זיך פארן דזשענטלמען, אָליווער,— האָט געזאָגט מיס-טריס מען.

אָליווער האָט זיך אַ נויג געטון פאַרן פּאַרוואַלטער און פאַר זיין דרייעקיקן הוט.

— ווילסט זיך דיר אַוועקגיין מיט מיר?— האָט אַ פרעג גע-טון מיסטער באָמבל.

אָליווער האָט געוואָלט ענטפערן, אַז ער האָט כיישעק אַוועק-צוגיין פון דאַנען מיט וועמען ס'זאָל ניט זיין, נאָר פלוצלינג, אופהויבנדיק דעם קאָפּ, האָט ער זיך געטראָפן מיטן בליק פון מיסטריס מען: זי האָט אים פון הינטערן פּאַרוואַלטערס ביינקל געדראָט מיט דער פויסט. ער האָט טייקעף פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט. די פויסט איז אים זייער גוט באַקאַנט געווען.

— און זי וועט אויך גיין מיט מיר?— האָט ער, אָליווער, געפרעגט.

— ניין, זי טאָר ניט אַוועקגיין,— האָט געענטפערט מיסטער באָמבל,— נאָר זי וועט אָפט קומען צו דיר צוגאַסט.

קיין גרויסע טרייסט פאַרן קינד איז עס ניט געווען, נאָר דאָך האָט ער, אָליוער, באַוויזן צו מאַכן דעם אָנשטעל, אז ס׳טוט אים ווייער באַנק אַוועקצוגיין פון דאַנען.

ווייַנען — איז באַ אים גאָר אַ געוויינלעכער איניען געווען. דער הונגער און די קלעפּ האָבן עס אים אויסגעלערנט. האָט ער, אָליוער, געוויינט — טאַקע ניט אַף קאַטאָוועסן.

מיסטרים מען האָט אים געהאַלוט, געקושט, און קעדיי ער זאָל ניט אויסזען אַזוי פאַרמאַטערט, מיטגעגעבן אים אַ שטיק ברויט מיט פּוטער.

מיט דער שטיק ברויט אין האַנט און מיט א טונקל היטעלע אַפן קאָפּ איז אָליוער אַרויס פון אָטדעם שרעקלעכן הויז, וואָס האָט אים אַלע יאָרן קיין איין גוט וואָרט, קיין איין מילדן בליק ניט געשיינקט.

עפּעס אַ מין שווערער אומעט איז אים באַפאַלן, ווען ער איז פאַרביי די פּערטקע פון גאָרטן. די אומגליקלעכע כאַווײרים, וואָס ער האָט דאָ איבערגעלאָזט, זיינען געווען זיינע איינציקע גוטע פריינט.

דער שוידערלעכער געפיל פון עלנט אין גאָר א וועלט האָט צענויפגעפרעסט דאָס קינדערשע האַרץ.

מיסטער באַמבל האָט געשפּאַנט גיך.

דער קליינער אָליוער האָט אים פעסט געהאַלטן באַם ארבל, געשלעפּט זיך הינטער אים און געפרעגט אים באַ יעדער ראָג: „שוין נאָענט?״

אַף די פראַגעס האָט ער באַקומען פון מיסטער באַמבעלן קורצע, ברויגעזע ענטפערן. די מילדקייט, וואָס ס׳האָט אַרויסגערופן דער דזשין, האָט שוין אָנגעהויבן פאַרשווינדן ווערן. מיסטער באַמבל איז ווידער געוואָרן מיסטער באַמבל, פאַרוואַלטער פון „הויז פאַר אָרעמע לייט״.

ניט באַוויזן האָט אָליוער אָפּזיין א פערטל שאָ אין „הויז פאַר אָרעמע לייט״ אונטער דער אויפזוכט פון עפּעס אַ אַלטיטשקער, ניט באַוויזן האָט ער אופצועסן א צווייט שטיקל ברויט, — מיסטער

באַמבל האָט זיך אומגעקערט מיט אַ ענטפער, אַז אַצינד איז שוין שפּעט און אַז דער קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט האָט גע-הייסן קומען מיט אַליוועין אויפן צווייטן טאָג.

אַליווער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס באַטייטן די ווערטער „קאָמיטעט" און „געזעלשאַפט". ער האָט ניט געוואוסט וואָס זאָל ער טון — לאַכן צי וויינען.

אינדערפרי האָט אים מיסטער באַמבל מעכאַבער געווען מיטן שטעקל איבערן קאָפּ און איבער דער פּלייצע, קעדיי אופוועקן אים און קעדיי דערמונטערן אים, און האָט אים געהייסן נאָכגיין. ער האָט אים אריינגעפירט אין אַ ברייטן ווייסן זאַל, וואו ס'זיינען אַרום אַ טיש געזעסן אַכט אָדער צען דזשענטלמענען. אינמיטן איז אויף אַ שטול, אַ העכערן פון אַלע שטולן, געזעסן גאָר אַ גראָבער דזשענטלמען מיט אַ קיילעכיק רויט פּאָנעם.

— נויג זיך פאַר דער פאַרזאַמלונג — האָט אַ זאָג געטאָן מיסטער באַמבל.

אַליווער האָט אַ ווישאָפּ געטאָן מיט דער האַנט די טרער-לעך, וואָס האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. ניט זעענדיק פאַר זיך קיין שום פאַרזאַמלונג כוצן טיש, האָט ער נידעריק, נידעריק אַ נויג געטון זיך פאַרן טיש.

— ווי הייסטו, אינגל? — האָט געפרעגט דער דזשענטלמען, וואָס איז געזעסן אויפן הויכן שטול.

אַליווער האָט זיך דערשראָקן, אַז ער האָט דערזען אַזאַ אוילעם מיט דזשענטלמענען. ער האָט אָנגעהויבן ציטערן.

דער פאַרוואַלטער האָט אים געגעבן הינטן-אַרום אַ שטויס, — האָט ער געמוזט אַ געשריי געבן. געענטפערט האָט ער אויף דער פראַגע מיט אַ שטיל קאָל און מיט אָפּטע האַפּסאָקעס. איינער פון די דזשענטלמענען, וואָס איז געווען אָנגעטון אין אַ ווייסן זשילעט, האָט אים באַלד דערפאַר טאַקע אָנגערופן „טיפּעש".

— אינגל, — האָט געזאָגט דער דזשענטלמען, וואָס איז גע-זעסן אויפן הויכן שטול, — הער: דו ווייסט, פאַרשטייסט זיך, אַז דו ביסט אַ יאָסעם?

— וואָס הייסט עס, סער? — האָט געפרעגט אָליווער.

— דאָסדאָזיקע באָכערל איז א טיפּעש, איך זע עס באַשיים-פערלעך, — האָט זיך אָנגערופן דער דזשענטלמען, וואָס אינם ווייסן זשילעט.

— וואַרט-צו! — האָט געזאָגט דער, וואָס אפן הויכן שטול,— דו ווייסט, אז דו האָסט ניט קיין טאַטן, קיין מאַמען, אז ס'האָט דיך אָף קעסט גענומען די געזעלשאַפט, דו ווייסט עס?

— יאָ, סער, — האָט געענטפערט אָליווער מיט א געיאָמער.

— איז וואָס יאָמערסטו!? — האָט געפרעגט דער דזשענטלמען, וואָס אינם ווייסן זשילעט.

טאַקע אינדערעמעסן. ס'איז געווען אזוי' מעשונעדיק. מאַכמעס וואָס האָט ער עס באַדאַרפט וויינען, אָליווער?

— נו, מ'האָט דיך גענומען אהערצו, קעדיי מ'זאָל דיך דער-ציען, קעדיי דו זאָלסט זיך אויסלערנען עפּעס א נוצלעכע מע-לאָכע. — האָט געזאָגט דער דזשענטלמען מיטן רויטן פּאָנעם, וואָס איז געזעסן אפן הויכן שטול.

— מאָרגן אינדערפרי, פון זעקס אזייגער אָן, וועסטו שוין האָבן ארבעט, — האָט צוגעגעבן דער דזשענטלמען, וואָס אין ווייסן זשילעט.

לויט דער אָנווייזונג פון פאַרוואַלטער, האָט אָליווער זיך ני-דעריק א בויג געטון פאַר דער פאַרזאַמלונג.

דערנאָך האָט מען אים ארייַנגעשטויסן אין א גרויסן צימער, וואָס איז ענלעך געווען אף א טפיסע-קאַמער. מיט ביטערן גע-וויין איז ער אַנשלאָפן געוואָרן אפן האַרטן בעטל.

ער איז געלעגן, אָליווער, אין א מין כאַלאָשעס, ער האָט גאָרניט געוואוסט פון דעם, וואָס ס'טוט זיך' ארום אים.

די געזעלשאַפט האָט דערווייל אין דעמזעלבן טאָג באַשטימט דעם גוירל זיינעם.

די מיטגלידער פון קאָמיטעט, פערזאָנען מיט טיפע, קלוגע געדאַנקען, האָבן, טראַכטנדיק וועגן „הויז פאַר אָרעמע לייט", באַשלאָסן, אַז אומזיסטיקער פרישטיק, וואַרעמעס, טיי און

אָוונטברויט אין מעשעך פון א גאַנץ יאָר — דאָס איז א גאָ-
ניידן, אין וועלכן מ'קאָן. גאָרנים ניט טועגדיק, אייביק געניסן פון
וואוילטאָג, — דאָס קאָן נאָר פון וועג אראָפּפירן די כעוורע.

— אָ — אָ! — האָט געזאָגט דער קאָמיסעס. — מיר דאַרפן
זיי דערמאָנען אין זייערע היסכאַיעוועסן. מיר דאַרפן ענדערן
די לאַגע.

האָבן זיי, די מיטגלידער פון קאָמיטעט, געשלאָסן אַ אָפּמאך
מיט א וואַסערפירער און מיט א הענדלער פון האָבער-גריפּן
און דריי מאָל אין טאָג געגעבן די אָרעמע לייט זייערע מאַכאָלים
פון האָבער-גרויפּן, צוויי מאָל אין וואָך — קנאָבל און אום זונ-
טעק — צו שטיקלעך ווייס ברויט. די אָרעמע לייט פלעגן אָדער
ביסלעכווייס אויסשטארבן אין הויז אָדער, ארויסגעשליידערט פון
הויז, פלעגן זיי שטאַרבן אף דער גאַס.

די ערשטע זעקס כאַדאָשים נאָך דעם, ווי מ'האָט געבראכט
אַליוועךן, האָט מען דידאָזיקע סיסטעם דורכגעפירט פּינקטלעך,
ביז גאָר פינקטלעך. די צאָל אָרעמע לייט האָט זיך פארקלע-
נערט, די צאָל יעסוימים — אויך. דער קאָמיטעט האט זיך מעכאַיע
געווען.

געהאָדעוועט האָט מען די קינדער אין אַ גרויסער זאַל. אין
איין ווינקל פונעם זאַל איז געשטאַנען א גרויסער קעסל. פון אָטדעם
קעסל האט דער אופזעער אין א פאַרטוך, מיט דער הילף פון
צוויי ווייבער, געטיילט קאַשע אין באַשטימטע שאָען.

פאר יעדער אינגל פלעג אָנקומען ניט מער, ווי איין קליין
שעלעכל. א אויסנאַם פלעג מען מאַכן בלויז יאָנטעוו.

דידאָזיקע שעלעכלעך פלעג מען קיינמאָל ניט דאַרפן וואַשן:
די קינדער פלעגן זיי אַזוי ארומקריצן מיט זייערע לעפל, אז זיי
פלעגן אָנהויבן גלאַנצן, די שעלעכלעך.

נאָכן ארומקריצן די שעלעכלעך פלעגן זיך די קינדער אוועק-
שטעלן באַם קעסל און קוקן מיט גיריקע אויגן, ווי זיי וואָלטן
געוואָלט איינשלינגען דעם גאַנצן קעסל. אַזוי פלעגן זיי אָפּ-
שטיין א צייט, קוקן און לעקן די פינגער.

אָליוועך טוויסט מיט די כאַווײרים האָבן דרײַ כאַדאָשים גע־ליטן הונגער־פּײַן. סאָפּקאָלסאָף זײַנען זײ אַזוי ווילד און דול געוואָרן, אַז אײן אינגל האָט א זָדראָ געטאָן, אַז ער וועט אַמאָל באַנאַכט אופעסן דעם כאַווער, וואָס שלאָפט לעבן אים, אויב מע וועט אים נים פאַרגרעסערן דעם כײלעך קאַשע.

איז כעוורע אינגלעך צענויפגעקומען זיך אָף א באַראַטונג. מ'האָט געוואָרפן גוירל — אָף וועמען ס'וועט אויספאַלן, דער וועט צוגײן צום אופזועער נאָכן אָוונטברויט און וועט בעטן א הויסאָפע.

דער גוירל איז געפאַלן אָף אָליוועך טוויסטן.

אָנגעקומען איז אָפּדערנאַכט. די קינדער האָבן פאַרנומען די ערטער. דער אופזועער, אָנגעטון אין קיכער־קלײַד, האָט זיך אַוועקגעשטעלט באַם קעסל. די באַהעלפערנס האָבן זיך געשטעלט הינטער אים. מ'האָט צעטײלט די קאַשע. פאַר דער קורצער סודע האָט מען לאַנג געדאַוונט.

די קאַשע איז אין מעשעך פון אײן רעגע פאַרשוואונדן גע־וואָרן. די קינדער האָבן גענומען מורמלען און מאַכן קאָלערלײ צײכנס אָליווערן. די, וואָס זײַנען געשטאַנען לעבן אים, האָבן אים געשטופּט פאָרויס.

דער הונגער האָט אין אָליווערן אופגעוועקט עפּעס א מין ווילדע דרײסטקײט. די שרעקלעכע לאַגע האָט אים נאָך אופגע־מונטערט. ער האָט זיך אופגעהויבן פון זײַן אָרט באַם טיש, האָט אויסגעשטרעקט דעם אופזועער זײַן שעלעכל מיט זײַן לעפל און האָט, אַלײן דערשרעקנדיק זיך פאַר זײַן האָזע, אַ זאָג געטון:

— כ'בעט געבן מיר נאָך אביסל.

דער גראָבער, רויטפּענעמדיקער אופזועער איז מיטאַמאָל בלײַך געוואָרן. עטלעכע רעגעס האָט ער געפּלעפּט געקוקט אָפן קלײנעם בונטאַר. דערנאָך האָט ער א קוק געגעבן אין קעסל אַרײַן.

אַלע אָרום זײַנען דערשטוינט געוואָרן, די קינדער זײַנען געבליבן שטײן פאַרשטאַרט.

— וואָ־אָ־ס? — האָט, ענדלעך, מיט א שלאַבעריק קאָל גע־פרעגט דער אופזועער.

— כ'בעט, האָט איבערגעכאַזערט אָליווער, - געבן מיר נאָך אַביסל.

דער אופזעער האָט א זעץ געטאָן אָליווערן מיט דער לעפל איבערן קאָפּ און האָט געשיקט רופן דעם פּאַרוואַלטער.

דער קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט איז געזעסן שטום-שווייגנדיק, ווען מיסטער באָמבל איז אויסער זיך אריינגעפלויגן אין צימער אריין און האָט זיך א ווענד געטון צום דזשענטלמען, וואָס אָפן הויכן שטול:

— איר וועט אנטשולדיקן, מיסטער לימבקינס, אָליווער טוויסט בעט א הויסאָפּע...

אלע האָבן א פלאַטער געטון. אף יעדערנס פּאָנעם האָט זיך שוידער באַוויזן.

— א הוי-סאָ-פּע? — האָט געפרעגט מיסטער לימבקינס, — באַ-רואיקט זיך, קומט צו זיך, באָמבל, ענטפערט מיר ווי ס'דאַרף צו זיין. האָב איך עס ריכטיק פאַרשטאַנען: אז ער האָט אופגע-געסן דעם אָוונטברויט, וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורכן קאָמי-טעט, האָט ער געבעטן נאָך?

— יאָ, סער, נאָך! — האָט געענטפערט באָמבל.

— דאָסדאָזיקע באָכערל וועט האָבן זייער א וויסטן סאָף, — האָט געזאָגט דער דזשענטלמען, וואָס אין ווייסן זשילעט, — איך בין זיכער, אז מע וועט אים אמאָל אופהיינגען!

אַלע האָבן שווייגנדיק מאַסקים געווען מיט דעם דזשענטל-מענס נעוויעס.

באַשטימט האָט דער קאָמיטעט, מע זאָל אָליווערן טייקעף ערגעץ פאַרשפאַרן. אף מאָרגן אינדערפרי איז אָפן טויער גע-האַנגען א מודעאָ, אַז דער קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט זאָגט צו פינף פונט סטערלינג דער פּערזאָן, וואָס וועט באַפרייען די געזעלשאַפט פון אָליווערן.

דאָס הייסט, פינף פונט סטערלינג און אָליווער טוויסטן האָט דער קאָמיטעט פאָרגעלייגט וועלכן ס'זאָל ניט זיין מאַנסבל אָדער פרוי, וואָס באַדאַרף האָבן א שילערל פאר וועלכער ס'זאָל ניט זיין מעלאָכע.

III

מע גיט אַלייערן אוועק „לערנען זיך“

נאָך דעם, ווי ער איז באַגאַנגען אַזאַ שווידערלעך-אומגעהייערן פאַרברעכן, ווי בעטן אַ קאַשע-הויסאַפּע, איז אַליוועס אַדאַנק דער קלוגשאַפט אין באַרמהערציקייט פונם קאָמיטעט, אָפּגעזעסן אַ גאַנצע וואָך פאַרשפּאַרט אין אַ פינצטערן, ליידיקן צימער.

ער האָט געיאָמערט אגאַנצן טאָג, און אַז ס'איז אָנגעקומען די לאַנגע מוירעדיקע נאַכט, האָט ער מיט די קלייניקע הענטעלעך פאַרשטעלט זיך די אויגן, זיך פאַרוקט אין אַ ווינקל אַריין און געמיט זיך אַנשלאָפן ווערן. נאָר אַלעמאָל האָט ער אופגעכאַפּט זיך, געציטערט און געענטער צוגעטוליעט זיך צו דער קאַלטער וואַנט, וואָס האָט בא אים אויסגעזען. ווי אַן איינגעוויינציקער שפּיצפּונקט אין דער פינצטערניש און אין דער עלנטקייט ארום.

מ'האָט אים דערלויבט וואַשן זיך אין הויף, ווייל געווען איז דעמאָלט גראַד דער וועטער זייער אַ פייכטער און אַ קאַלטער. קעדיי ער זאָל ניט פרירן, פלעג מיסטער באָמבל אים דערוואַרעמען מיט זיין שטעקן. באַטאָג פלעג מען אים פירן אין זאַל אַריין און מע פלעג אים שמייסן פאַר אַלעמען אין די אויגן, קעדיי אַלע זאָלן אַ מוסער אַראָפּנעמען.

אָט אַזוי האָט ער, אַליוועס, געלעבט.

איינמאָל אין אַ אינדערפרי האָט מיסטער געמפּילד — דער קוימענקערער — געשפּאַנט פאַרטראַכטערהייד איבער דער גאַס. ער איז געווען פאַרטון אין אַ כעשבן: ווי אַזוי אַרום זאָל ער זיך צעצאָלן מיט זיין קוואַרטיר-באַלעבאָס, וואָס טוט אים אין טויט אריין. ער האָט, מיסטער געמפּילד, בעשום אויפן ניט געקאָנט אָנציילן בא זיך פינף פונט סטערלינג.

אין גוואַלדיקן איעש האָט ער, מיסטער געמפּילד, געזידלט אי זיך, אי זיין פאַרנאָסע. פלוצלינג האָט ער, פאַרבייגייענדיק

לעבן „הויז פאר אָרעמע ליים", דערזעען אין טויער א מוידאָע.

— באַ! — האָט ער א זאָג געטון, מיסטער געמפּילד, און איז צוגעגאַן צום טויער איבערלייענען די מוידאָע.

באם טויער איז געשטאַנען דער דזשענטלמען אין ווייסן זשילעט מיט הענט פארלייגטע אף הינטן.

ער האָט פריילעך א שמייכל געטון, ווען ס'איז צוגעגאַן דער קוימענקערער. ער האָט פון ווייטן דערקענט אז ער איז אַ גוטער רעגע. דאָס איז מיסטער געמפּילד, יענער מענטש, וועלכן מ'קאָן אוועק-געבן אָליווער טוויסטן.

מיסטער געמפּילד האָט איבערגעלייענט די מוידאָע און האָט אויך אַ שמייכל געטון: פינף פונט סטערלינג — דאָס איז פונקט דער סכום, אין וועלכן ער נויטיקט זיך.

ער האָט ווידעראמאָל איבערגעלייענט די מוידאָע פון אָנהויב ביזן סאָף, האָט האַכנאָעדיק זיך א נעם געטאָן פארן פוטערנעם היטעלע און איז צוגעגאן צום דזשענטלמען, וואָס אין ווייסן זשילעט.

— דאָ געפינט זיך דאָס אינגעלע, וואָס די געזעלשאַפט וויל אוועקגעבן „לערנען זיך"? — האָט ער געפרעגט.

— דאָ, ליבינקער, — האָט מיט א מילדן שמייכל געזאָגט דער דזשענטלמען, וואָס אין ווייסן זשילעט, — צוליב וואָס דאַרפסטו דאָס וויסן?

— אויב די געזעלשאַפט וויל, אַז דאָס באָכערל זאָל קאָנען אויסגעצייכנט קערן קוימענס — האָט געענטפערט מיסטער געמ-פּילד, — איז באדאַרף איך האָבן א אינגל א געהילף. איך בין מאַסקים נעמען אים צו זיך.

— קום אריין, ליבינקער! — האָט געזאָגט דער דזשענטלמען.

מיסטער געמפּילד האָט זיך געלאָזט נאָך אים און איז אריינ-געקומען אין יענעם צימער, וואו ס'איז געזעסן דער קאָמיטעט.

— דאָס איז זייער א מיעסע מעלאָכע, — האָט געזאָגט מיס-טער לימבקינס, אַז ער האָט אויסגעהערט מיסטער געמפּילדס פאָרשלאַג.

— ס'האָט געטראָפן, אז אינגלעך זיינען ידערשטיקט געוואָרן אין קוימען, — האָט געזאָגט א צווייטער דזשענטלמען.

— דאָס איז דעריבער, וואָס זיי ווייסן ניט ווי אַזוי צו באַגיין זיך מיט קוימענס; זיי זיינען אלע פויליאַקעס און אַקשאָנים! — האָט געזאָגט געמפילד.

עטלעכע מינוט האָבן די מיטגלידער פון קאָמיטעט מיט גרויס היסלאוועס געשמועסט צווישן זיך. אז די באַראטונג האָט זיך פאַרענדיקט, אז אַלע מיטגלידער האָבן זיך מיט זייער ערנסטע פענעמער צוריק אוועקגעזעצט אף זייערע ערטער, האָט מיסטער לימבקינס געזאָגט:

— מיר האָבן זיך דורכגעשמועסט וועגן אייער פאָרשלאַג. מיר זיינען ניט מאַסקים.

— באַשטימט, מיר זיינען ניט מאַסקים, — האָט געזאָגט דער דזשענטלמען, וואָס אין ווייסן זשילעט.

— באַשטימט ניין, — האָבן צוגעגעבן די איבעריקע מיטגלידער.

באַ געמפילדן האָט טאַקע געטראָפן, אַז א דריי אָדער פיר אינגלעך זיינען דערשטיקט געוואָרן אין קוימען. די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט האָבן גראד געוואוסט דערפון. האָט ער, דער קוימענקערער, פאַר פאַרדראָס צעקנייטשט אין די הענט דאָס היטל און איז פאַמעלעך אָפּגעטראָטן פון טיש.

— ווילט איר ניט, הייסט עס, אוועקגעבן אים מיר, דזשענטלמענען? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, — האָט געענטפערט מיסטער לימבקינס, — אַזוי געמיינע מעלאָכע איז ניט דערווערט די פרייז, וואָס מיר האָבן באַשטימט.

געמפילדס פּאָנעם איז ליכטיק געוואָרן. ער האָט מיט שנעלע טריט צוגעשפּאַנט צום טיש און האָט א זאָג געטון:

— איז וויפל גיט איר, דזשענטלמענען? שטעלט ניט מעוואַיעש א אָרעמען מענטשן. נו, וויפל גיט איר?

— מיר דאַכט זיך, אַז דריי פונט וואָלט געווען גענוג, — האָט געזאָגט מיסטער לימבקינס.

— מע וואָלט נאָך געמעגט געבן ווייניקער מיט אַ צען שי־לינג, — האָט צוגעגעבן אַ צווייטער.

— נו, — האָט געזאָגט געמפּילד, — זאָגט — פיר פונט, סערן. זאָגט — פיר פונט, און איר וועט פון אים אף אייביק פּאָטער ווערן.

— דריי פונט מיט צען שילינג, — האָט האַרב איבערגעכאַ־ זערט מיסטער לימבקינס.

— נו, כ׳וועל אייך גיין אנקעגן, סערן, — האָט געזאָגט געמ־פּילד, — דריי פונט און פופצן...

— קיין קאָפּיקע ניט מערער! — האָט געענטפערט מיסטער לימבקינס.

— איר באַליידיקט מיך, דזשענטלמענען, — האָט, גרויסע ספייקעס האָבנדיק, געזאָגט געמפּילד.

— נאַרישקייטן! — האָט געזאָגט דער דזשענטלמען, וואָס אין ווייסן זשילעט, — מע קאָן אים לייכט אוועקגעבן. היי, נעם אים! ער איז גראַד אזאַ אינגל, ווי דו באַדאַרפסט. אַמאָל וועט ער זיך נויטיקן אויך אין א שטעקן: א שטעקן וועט דיר נוצלעך זיין פאר אים. מיר וועלן דערוויל פּאָטער ווערן פון האָבן צו טאָן מיט אים און פון הויצאָעס. כאַ־כאַ־כאַ!

מיסטער געמפּילד האָט אַ קוק געטון אף די פענעמער פון די סערן, וואָס זיינען געזעסן אַרום טיש. אַלע פענעמער האָבן געשמייכלט. האָט ער, מיסטער געמפּילד, אויך א שמייכל געטון.

דער האַנדל האָט זיך פאַרענדיקט, און מ׳האָט באַפוילן מיסטער באָמבלען טייקעף נאָכן וואַרעמעס אַריינברענגען אָליווער סוויסטן.

מ׳האָט דעם פאַרכידעשטן אָליווערן געהייסן אַרויסגיין פונעם פינצטערן צימער און אָנטון ריין וועש.

ער האָט נאָך ניט באַוויזן אַרויסגיין און איבערטון דאָס וועש, אַז מיסטער באָמבל אַליין האָט אים געבראַכט קאַשע און א יאָנ־ טעווד׳יקן ביילעך ברוים.

אַז ער האָט דערזעען אזאַ פּראַכט, האָט אָליווער גענומען קווישען, שרייען. ער איז זיכער געווען, אַז מע וויל אים האַר־ געגען: אַניט וואָלט מען דאָך אים ניט געהאָדעוועט אזוי זאַט.

— ווײַן נים, אָליווער, עס און זאָג א דאנק — האָט פּרײַ־לעך געזאָגט מיסטער באָמבל, — מ'וויל דיך אויפקנעבן „לער־נען זיך".

— לערנען זיך, סער? — האָט פּלאָטערנדיק געפרעגט דאָס קינד.

— יאָ, אָליווער, — האָט געענטפערט מיסטער באָמבל, — א פיינער, גוטהארציקער דזשענטלמען וויל דיר פארבייטן די טאַטע־מאַמע, וועלכע דו האָסט נים. ער וועט דיך אויסלערנען א מע־לאָכע, ער וועט פון דיר מאַכן א לייט, כאָטש ס'וועט אפילו קאָסטן דער געזעלשאַפט דריי פונט מיט צען שילינג... דריי פונט מיט צען שילינג, אָליווער! אָט דאָס אלץ צוליב א אויסוואָרף, צוליב א יאָסעם, וואָס קיינער אין דער וועלט קאָן פון אים נים אויסהאלטן.

מיסטער באָמבל האָט גערעדט מיט א האַרב קאָל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, קעדיי כאַפּן דעם אָטעם. אָליווער האָט זיך צעיאָמערט.

— הער אויף! — האָט צעפרידן געזאָגט מיסטער באָמבל, — הער אויף, אָליווער, ווישׂ אָפּ די אויגן, די קאַשע איז דאָך שוין פול מיט טרערן!

אוועקפירנדיק אָליווערן, האָט אים מיסטער באָמבל אָנגע־זאָגט, ער זאָל זיין פריילעכער, — אויב אַ דזשענטלמען וועט אים פרעגן, צי וויל ער זיך לערנען, זאָל ער ענטפערן „כ'וויל".

אָליווער האָט צוגעזאָגט פאָלגן.

אַז זיי זיינען אָנגעקומען, האט אים מיסטער באָמבל פאר־שפּאַרט אין א קליין צימערל און געהייסן אים וואַרטן.

מיט א פּלאָטערנדיק האַרץ האָט אָליווער געוואַרט העכער א האַלבע שאָ, ענדלעך, האָט מיסטער באָמבל ארייַנגערוקט אין דער טיר אַריין זיין קאָפּ און האָט געזאָגט הויך אף א קאָל:

— נו, פריינט אָליווער, קום ארויס צום דזשענטלמען.

ער האָט בייז און דראָענדיק א קוק געגעבן אף אָליווערן און צו אים א מורמל געטון:

— געדיינק, פּוסטעפּאַסניק, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט!

אָליווער האָט טמימעסדיק א קוק געטאָן אַפֿן מיסטער באָמבל. יענער האָט אים שנעל אריינגעבראַכט אין שכיינעסדיקן צימער, צו וועלכן ס'האָט געפֿירט די אָפֿענע טיר.

געווען איז עס א גרויסער זאַל מיט זייער א גרויסן פֿענצטער. בא א שרייבטיש זיינען געזעסן צוויי אלטע דזשענטלמענער מיט אָנגעפּודערטע קעפּ. איינער פֿון זיי האָט געלייענט א צייטונג, דער צווייטער, אין ברילן, האָט געקראָכֿן איבער א פּאַרמעטענעם בויגן, וואָס איז געלעגן פֿאַר אים.

מיסטער לימבקינס איז געשטאַנען אָף איין זייט טיש, מיסטער גאַמפֿילד אָף דער צווייטער זייט.

מיסטער באָמבל האָט צוגעפֿירט אָליווערן צום טיש.

— אָט איז דאָס אינגל, אייער עקסעלענץ, — האָט געזאָגט באָמבל.

דער אַלטער דזשענטלמען, וואָס האָט געלייענט די צייטונג, האָט אָף א רעגע אופֿגעהויבן דעם קאָפּ און האָט אַ צי געטון באַם אַרבל דעם צווייטן אלטן דזשענטלמען. יענער האָט זיך אופֿגעכאַפּט.

— האַ! — איז עס דאָס אינגל? — האָט געפֿרעגט דער אַלטער דזשענטלמען.

— יאָ, סער, — האָט געענטפֿערט מיסטער באָמבל, — נויג זיך, פֿריינט אָליווער.

אָליווער האָט זיך א נויג געטון. ער האָט געקוקט אַפֿן ריכטערס אָנגעפּודערטן פּאַריק און האָט געטראכט: געשיקט זיך, אז אלע פּאַרוואַלטערס ווערן געבוירן מיט ווייסע קעפּ?

— נו, — האָט געזאָגט דער אַלטער דזשענטלמען, — וויל ער, הייסט עס, זיין א קוימענקערער?

— ער רעדט דערפֿון באַטאָג און באנאכט, אייער עקסעלענץ, — האָט געענטפֿערט מיסטער באָמבל און האָט היינטן-ארום געגעבן א שטופּ אָליווערן, ער זאָל זאָגן וואָס מע באַדאַרף.

— איז וויל ער, הייסט עס, נאָר זיין א קוימענקערער? — האָט ווידער געפֿרעגט דער אַלטער דזשענטלמען.

—אויב מירן אים אַוועקגעבן לערנען זיך אַן אַנדער מעלאָכע, וועט ער געוויס אנטלויפן, אייער עקסעלענץ,—האָט געענט-פערט באָמבל.

—און אָט דער מענטש וועט זיין זיין באלעבאָס? זעט, איך בעט באגיין זיך מיט אים מילד. האָדעווען אים ווי ס'דארף צו זיין, איר הערט?—האָט געזאָגט דער אַלטער דזשענטלמען.

—אַז כ'האָב געזאָגט יאָ, איז יאָ! — האָט מיט אַ גראָבקאָל גע-ענטפערט מיסטער געמפילד.

— נו, ביסט אַביסל נישט איידל, פריינט מיינער, נאָר ס'שיינט מיר, אַז דו ביסט אַ אָרנטלעכער מענטש,—האָט געזאָגט דער דזשענטלמען און האָט אָנגעשטעלט די ברילן אַף אָליווערס צו-קונפטיקן באלעבאָס. אַף מיסטער געמפילדס מיעס פּאָנעם האָט גאַנץ שאַרף געשיינט אַכזאָריעסדיקייט.

דער ריכטער איז געווען קימאט בלינד, קימאט—אויוועד-באָטל. ער האָט שוין נים געקאָנט מישפּטן וועגן מענטשן לויט זייער אויסזען.

—כ'האָף, אַז אַלץ וועט זיין אמבעסטן,—האָט אָנגעברויגעוט געזאָגט מיסטער געמפילד.

—כ'צווייפל נים דערינען, פריינט מיינער,—האָט געענטפערט דער אַלטער דזשענטלמען. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די ברילן אַף דער נאָז און געקוקט דורך זיי אפן טינטער.

ווען דער טינטער וואָלט זיך געפונען אַף יענעם אָרט, וואו ס'האָט אים גערעכנט טרעפן דער ריכטער, וואָלט ער, דער ריכ-טער, טייקעף איינגעטונקען די פען, וואָלט געכאַסמעט דעם אָפּ-מאַך און מ'וואָלט אָליווערן ארויסגעשטופט פון זאַל. נאָר געטראָפן האָט אָט-וואָס: דער ריכטער האָט נים געזען דעם טינטער, וואָס איז געשטאַנען פונקט קעגן דער נאָז זיינער, ער האָט אים אומע-טום געזוכט און בעשום אויפן נים געקאָנט געפינען אים. דער-ווייל האָט זיך זיין נישטערנדיקער בליק געטראָפן מיט אָליווער טוויסטס בליק, פון פאַכעד געפלעפט פּאָנעם. אָליווער האָט נים נעמענדיק אין אַכט באָמבלס דראָענדיקע בליקן און שטויסן,

מיט שרעק, מיט שוידער געקוקט אַפן מיעסן פּאָנעם פון זיין צוקונפטיקן באַלעבאָס. ער האָט מער געזען, ווי דער קימאַט-בלינדער ריכטער.

דער אַלטער דזשענטלמען האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אַוועקגעלייגט די פען און האָט אַ קוק געטון פריער אויף אָליווערן, דערנאָך אויפן מיסטער לימבקינסן, וואָס איז געשטאַנען מיט אַן האַכנאָעדיק פּאָנעם און געשמעקט זיין טאַבאַק.

— אינגעלע! — האָט געזאָגט דער אַלטער דזשענטלמען און זיך אָנגעבויגן צו אָליווערן.

אָליווער האָט אַ ציטער געטון פון דער אומגעוויינלעכער מילדקייט, וואָס האָט אַ קלונג געטון אינעם וואָרט „אינגעלע".

ער האָט אַ פּלאַטער געטון מיטן גאַנצן לייב און האָט זיך צעוויינט.

— פריינט מיינער, — האָט געזאָגט דער אַלטער דזשענטלמען, — דו ביסט, דאַכט זיך, בלייך און טרויעריק. וואָס איז עס מיט דיר?

— גייט אַוועק פון אים, סער פּאַרוואַלטער, — האָט געזאָגט דער צווייטער ריכטער. ער האָט, דער צווייטער ריכטער, אַוועקגעלייגט אין אַ זייט די צייטונג און האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פאָרויס.

— זאָג אונז, טייערינקער, וואָס איז מיט דיר, האָב קיין מורע ניט!

אָליווער איז געפאַלן אויף די קני, האָט צעזאַמענגעלייגט די הענטלעך און געבעטן, אַז מע זאָל אים ווידער פאַרשפּאַרן אין פינצטערן צימער, אַז מע זאָל אים מאַטערן מיט הונגער, מע זאָל אים שלאָגן, הארגענען, אויב מע וויל, נאָר זאָל מען אים ניט אַוועקגעבן צו אַט דעם דאָזיקן שרעקלעכן מענטשן.

— נו, — האָט געזאָגט מיסטער באַמבל און האָט אופגעהויבן אַרויף-צו, צום הימל, די אויגן און די הענט, — פון אַלע יעסוימים-אויסוואָרפן ביסטו, אָליווער, דער גרעסטער אויסוואָרף!

— שווייג, פּאַרוואַלטער! — האָט געזאָגט דער צווייטער אַלטער דזשענטלמען.

— אנטשולדיקט, אייער עקסעלענץ,—האָט געפרעגט מיסטער באַמבל, ניט זייענדיק אינגאנצן זיכער, אַז ער האָט אַזעלכע ווערטער געהערט,—איר זאָגט עס מיר?

— יאָ, שווייג!

מיסטער באַמבל איז שיר ניט דול געוואָרן פאַר כידעש. דעם פּארוואלטער הייסט מען שווייגן! ס׳איז דאָך קעגן געזעץ!

דער אַלטער דזשענטלמען, וואָס אין די ברילן, האָט אַ קוק געטון אַף זיין כאווער.

— מירן ניט כאסמענען אָטדעם אָפּמאַך.—האָט געזאָגט דער ריכטער און האָט אָפּגערוקט אין אַ זייט אַריין דעם פּארמעט-בויגן.

כ׳האָף,—האָט אַ שטאמל געטון לימבקינס,—אַז די סערן ריכטער וועלן ניט האָבן קיין בייזע פאַרשטעלונג וועגן אונז, בלויז דעריבער, וואָס אָט דאָס אינגל...

— מיר האָבן זיך צענויפגענומען ניט צוליבדעם, אַז מיר זאָלן קריגן וועלכע כ׳ניט איז פאַרשטעלונג וועגן אייך,—האָט גיפּטיק געזאָגט דער צווייטער ריכטער.—נעמט דאָס אינגל צוריק אין „הויז פאַר אָרעמע לייט!“ און באַמיט זיך בעסער צו באַגיין זיך מיט אים. דאכט זיך, ער נויטיקט זיך, זייער אין פיינעם באַ-גיין זיך.

אין דעמדאָזיקן אַפּדערנאכט האָט דער קאָמיטעט פון דער געזעלשאפט זיך אנטגילטיק איבערצייגט, אַז אָליווערן וועט מען ניט נאָר אופהיינגען—מע וועט אים פערטלען אַף אַ גרויסן פלאץ.

אַף מאָרגן אינדערפרי האָט מען באַנייט געגעבן צעווייסן דעם אוילעם, אַז אָליוער טוויסטן גיט מען אַוועק לערנען זיך און אַז פינף פונט סטערלינג קריגט טייקעף דער, וואָס וועט אים נאָר צונעמען צו זיך.

IV

אָליווער טרעט אַרויס אַף דער גרויסער וועלט

אין די רייכע מעיוחעסדיקע איינגלישע מישפּאָכעס, אַז אַ יונגערמאַן קאָן בעשום-אויפן ניט געפינען זיך קיין גוטע שטע-לע, שיקט מען אים געוויינלעך אַוועק דינען אַפן יאַם.

די געזעלשאַפט האָט באַשלאָסן נאָכצוטון אָטדעם קלוגן מינעג, באַשלאָסן אַוועקגעבן אָליווער טוויסטן אַף אַ האַנדלס-שיף, וואָס שווימט אָפּ אין אַ וויטן פּאָרט.

עפּשער וועט דער שקיפּער, זייענדיק בעגילופן [1] נאָכן וואַ-רעמעס, אָדער אָנשמייסן אים ביז טויט. אָדער אים דעם קאָפּ פּלעטן מיט אַ שטיק אייזן, ווי זיי האָבן עס ליב, די יאַם-לייט.

מיסטער באַמבל האָט אַוועקגעשפּאַנט אופזוכן אַ קאַפּיטאַן, וואָס דאַרף האָבן אַ יונגע.

ער האָט זיך אומגעקערט אין הויז אַריין מיט גאָרניט. באַם טויער האָט ער זיך געטראָפן מיט מיסטער סאָווערבערי, דעם ארוינעס[2]-הענדלער.

מיסטער סאָווערבערי איז געווען אַ הויכער דאַרער פּאַרשוין, אין שוואַרץ אָפּגעטראָגן אָנטון, אין שוואַרצע פּאַרצירעוועטע זאָקן און אין שוואַרצע שיך.

זיין פּאָנעם האָט קיינמאָל ניט געשמייכלט. געשפּאַנט האָט ער שטענדיק אַף די שפּיץ פינגער.

זיינע אויגן האָבן זיך צעשיינט, בעאייס ער איז צוגעגאַן צו מיסטער באַמבל און האָט אים פריינטלעך געדריקט די האַנט.

— קענט איר ניט עפּעס אַ מענטשן,—האָט געפרעגט מיסטער באַמבל,—וואָס זאָל דאַרפן האָבן אַ אינגל, אַ קינד פון דער גע-זעלשאַפט. די באַדינגונגען זיינען דאָך אויסגעצייכנטע, אַן אנטיק באַדינגונגען!

---

[1] בעגילופן— שיקערלעך, שטאַרק אופגעלייגט.

[2] ארוינעס, אָרן—אַ טרומנע.

מיסטער באָמבל האָט אופגעהויבן זיין שטעקן צו דער מוי-דאָע, וואָס איז געהאנגען איבער אים, און האָט מיט שאַרפן קאָל איבערגעלייענט די גרויסע רוימישע ציפערן: „—פינף פונט".

— אָט-טאקע וועגן דעם,—האָט געזאָגט דער ארוינעס-הענדלער און אָנגעוויזן באָמבלען פארן לאָך,— איך קלייב זיך שוין פונ-לאַנג דורכשמועסן זיך מיט אייך וועגן דעם. איר ווייסט... אַך, ס'ארא שיינע קנעפּ בײַ אייך, מיסטער באָמבל. כ'האָב זיי גאָר פריער ניט באַמערקט.

— יאָ, שיינע קנעפּ.—האָט געזאָגט דער פאַרוואַלטער און צעפרידן געקוקט אַף די גרויסע קופּערנע קנעפּ, וואָס באַשיינען זיין ראָק. — דער הערב אַף זיי דערזועלבער, וואָס אַפן שטעמפּל פון דער געזעלשאַפט: „דער ערלעכער מאַן, וואָס העלפט דעם קראַנקן און באַרויבטן". איך האָב עס באַקומען אַלס אַ מאַטאַנע פון דער געזעלשאַפט צום נייעם יאָר, מיסטער סאָווערבערי. כ'געדיינק, צום ערשטן מאָל האָב איך אָנגעטון אָט דעם ראָק בײַ דער אויספאָרשונג פונם איניען וועגן פאַראָרעמטן סוחער, וואָס איז געשטאָרבן באַנאַכט בײַם טויער.

— יאָ, כ'געדיינק,—האָט געזאָגט דער ארוינעס-הענדלער,— די ריכטער האָבן באַשלאָסן, אַז געשטאָרבן איז ער פון קעלט און פון נויט. אַזוי, דאַכט זיך?

מיסטער באָמבל האָט אַ שאקל געטון מיטן קאָפּ אַף יאָ.

— זיי האָבן נאָך, דאַכט זיך, ארויסגעטראָגן אַ באַזונדער באַשלוס, אַז ווען דער באַאַמטער, וואָס איז מעכויעוו העלפן...

— נו, דאָס איז נאַרישקייטן—האָט אים ברויגעז איבערגע-שלאָגן די רייד דער פאַרוואַלטער,— ווען די געזעלשאַפט זאָל ווערן אויספירן אַלע בעבערייען פון די ריכטער, די טיפּשים, וואָלט בײַ מיר קיין צייט ניט געקלעקט.

— געוויס,—האָט געזאָגט דער ארוינעס-הענדלער.

— די ריכטער,—האָט געזאָגט מיסטער באָמבל און האָט שטאַרק צענויפגעדריקט דעם שטעקן: אַ סימען, אַז ער איז זייער ברויגעז,—די ריכטער זיינען פארגרעבטע, ווילדע, נאַרישע בריעס.

— כ'האלט אויך אַזוי, דאָס איז אַ באוואוסטע זאַך,—האָט געזאָגט דער ארוינעס-הענדלער.

— זיי פארשטייען קיין אָס ניט אין פילאָסאָפיע און אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

— פאַרשטייט זיך—האָט געזאָגט דער ארוינעס-הענדלער.

— מיך עקלט פון זיי!—האָט, פלוצלינג רויט ווערנדיק, געזאָגט דער פאַרוואַלטער.

— מיך אויך.—האָט צוגעגעבן דער ארוינעס-הענדלער.

— כ'וואָלט געוואָלט, אַז איינער פון זיי זאָל אַריינפאַלן צו אונז אין הויז אַריין אַף אַ וואָך אָדער אַף צוויי,—האָט געזאָגט דער פאַרוואַלטער.—אונזערע געזעצן וואָלטן זיי גאָר גיך פאר לייט געמאכט.

— לאָמיר ניט רעדן וועגן זיי,—האָט געזאָגט דער ארוינעס-הענדלער און האָט אַ שמייכל געטון, קעדיי איינשטילן דעם צאָרן פונם פארוואלטער.

מיסטער באָמבל האָט אַראָפּגענומען דעם הוט, האָט פון אים אַרויסגענומען אַ נאָז-טיכעלע, אָפּגעווישט פונם פּאָנעם דעם שוויס, ווידער אָנגעטון דעם הוט און, ווענדנדיק זיך צום ארוינעס-הענדלער, געפרעגט מיט אַ ווייכערן קאָל:

— נו, איז וואָס וועט איר זאָגן... וועגן אינגל?

— אָ,—האָט געענטפערט דער ארוינעס-הענדלער,—איר זוייסט דאָך, מיסטער באָמבל, אַז איך גיב זייער אַסאַך לעטויוועס די אָרעמע לייט.

— הם!...—האָט געזאָגט מיסטער באָמבל,—נו, איז וואָס?

— נו, איז אָס, פאַרשטייט איר מיך,—מיר דאַכט זיך, אַז אויב איך טו אַזויפיל פאַר די אָרעמע, האָב איך די רעכט אויך בּאַ זיי נעמען אַזוי פיל, וויפל איך קאָן, מיסטער באָמבל. דאָס הייסט, דאָס הייסט... מיר דאכט זיך... כ'וועל נעמען צו זיך אָט דאָס אינגל!

מיסטער באָמבל האָט אָנגעכאפּט דעם ארוינעס-הענדלער בּאַ דער האַנט און אים אַריינגעפירט אין הויז אַריין.

מיסטער סאָווערבערי האָט אָרום פינף מינוט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער געזעלשאַפט. די געזעלשאַפט האָט סאָפקאָלסאָף באַשלאָסן, אַז אָליווער וועט אַוועקגיין צום ארויינעס-הענדלער נאָך אינם זעלבן אָפּדערנאַכט, לויטן „אייגענעם ווילן".

דעמזעלבן אָפּדערנאכט איז דער קליינער אָליווער ווידער געשטאַנען פאַר דער אַסיפע פון די „דזשענטלמענען". מ'האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל טייקעף גיין צום ארויגעס-הענדלער. אויב ער וועט אַמאָל קומען צוריק, וועט מען אים אַוועקשיקן אַפּן יאַם און דאָרט וועט מען אים אָדער דערטרינקען אָדער דעם קאָפּ פלעטן. דעם אינגל האָט עס אָבער ווייניק אָנגעשראָקן. אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט האָבן באַשלאָסן, אַז ס'איז אַ גאַזלען, אַ עמעסער גאַזלען. זיי האָבן באַפוילן באַמבלען אים ארויספירן.

מ'האָט אָליווערן אַרופגעלייגט אַף די הענט זיין קליין אויסקומעניש. אָנגערוקט דאָס היטל אַף די אויגן, האָט זיך אָליווער אָנגעכאַפּט אין די פאלדן פון מיסטער באַמבלס ראָק און איז אַוועק אַפּן נייעם וועג, אַפּן נייעם צאָרעס-וועג.

דער ארויגעס-הענדלער האָט געהאַט נאָר-וואָס פאַרשפּאַרט די לאָדן פון זיין קלייט און האָט באַ דער שיין פון אַ כיילעווליכטל פארשריבן אין בוך אַריין די נייע האכנאָסע, ווען ס'זיינען אַריינגעקומען מיסטער באַמבל און אָליווער.

— אַ-האַ, —האָט געזאָגט דער ארויגעס-הענדלער, אַרויסקוקנדיק פון בוך, —דאָס זיינט איר, מיסטער באַמבל?

— יאָ, איך, מיסטער סאָווערבערי, —האָט געענטפערט דער פאַרוואַלטער, —אָט האָב איך אייך געבראַכט דאָס אינגל.

אָליווער האָט זיך אַ נויג געטון.

— אָ! אָט דאָס איז דאָס אינגל, האַ? —האָט געזאָגט דער ארויגעס-הענדלער און האָט אופגעהויבן די ליכט איבערן קאָפּ, קעדיי פון קאָפּ ביז פיס באַלויכטן אָליווערן, — מיסטרעס סאָווערבערי! קום אריין אַף אַ רעגע, פריינט מיינער!

מיסטריס סאָווערבערי איז אַרויסגעקראָכן פונם קליינעם צי-מערל, וואָס הינטערן קלייטל. געווען איז עס אַ נידעריקע, דאַ-רינקע, איינגעהויקערטע פרוי מיט אַ בייזן פּאָנעם.

— פריינט מיינער, — האָט קאַלטבלוטיק געזאָגט מיסטער סאָווער-בערי, — אָט איז דאָס אינגל פון „הויז פאַר אָרעמע לייט". איך האָב דיר דאָך געזאָגט וועגן דעם.

— וואָס, אָט דאָס? — האָט געפרעגט דעם אַרוינעס-הענדלערס ווייב, — ס׳אַרא קליינינקער ער איז!

— נו, קיין אומגליק איז עס ניט! — האָט, קוקנדיק אַף אָליווערן, געזאָגט מיסטער באַמבל, — ער איז, עמעס, ניט זייער גרויס, נאָר ער וועט אונטערוואַקסן, מיסטריס סאָווערבערי, ער וועט געוויס אונטערוואַקסן.

— אַך! איך בין זיכער, אַז באַ אונזער שפּייז וועט ער אונ-טערוואַקסן, — האָט מיט עפּעס אַ מין גיפטיקייט אין קאָל געזאָגט דאָס ווייבל, — נו, שפּאַן אַראָפּ! — זי האָט אופגעעפנט אַ זייטיקע טיר און האָט אַריינגעשטופּט אָליווערן אין אַ פייכטן, פינצטערן קעלער, וואָס האָט באַ איר געדינט פאַר אַ קיך. דאָרט איז גע-זעסן אַ מיידל אין שיך אָן פּאָדעשוועס און אין בלויע, צעריסן-צעפיצלטע זאָקן.

— שאַרלאָטאַ, — האָט געזאָגט מיסטריס סאָווערבערי, וואָס איז אויך אַראָפּגעקומען אַראָפּ נאָך אָליווערן — גיב אָטדעם אינגל די שטיקער, וואָס מיר האָבן אָפּגעלייגט פאַר טריפּן, ער איז פון אינדערפרי אָן ניט געקומען אַהיים, מעג ער זיך באַגיין אָן זיי. אָט דערדאָזיקער וועט מיט פאַרגעניגן זיי אופעסן — עמעס, אינגל?

אָליווער, וואָס די אויגן האָבן זיך באַ אים צעגלאַנצט באַם וואָרט „אופעסן", ציטערנדיק פאַר אומגעדולד, גאַרנדיק איינ-צושלינגען אַלץ, וואָס מ׳זאָל אים ניט געבן, — אָליווער האָט געענט-פערט: — „יאָ"!

מ׳האָט פאַר אים אוועקגעשטעלט אַ טעלער מיט פאַרקילטע שטיקער. אָליווער האָט זיך אַרופגעוואָרפן אַפן פלייש, וואָס

ס'האָט עס אפילו דער הונט ניט געוואָלט עסן, און האָט ווילד־גיריק געריועס.

— נו,—האָט געזאָגט דעם ארוינעס־הענדלערס ווייב, וואָס האָט מיט שטומען שוידער געקוקט אַף אָליוערס אַפּעטיט, — האָסט שוין געענדיקט? אַזוי ווי ס'איז שוין מער ניט געווען וואָס צו עסן, האָט אָליוער געענטפערט —„יאָ".

— שפּאַן נאָך מיר, —האָט געזאָגט מיסטריס סאָווערבערי, גענומען דער פאַרויכערטן, שמוציקן לאָמפּ און זיך געלאָזט אַרויף, אַף די טרעפּ, — דיין בעט שטייט אין קלייט. כ'רעכן, אַז דו האָסט קיין מוירע ניט שלאָפן צווישן די ארוינעס. סייווי, צי האָסטו יאָ מוירע, צי ניט, — ערגעץ אַנדערש שלאָפן איז ניטאָ וואו. שפּאַן גיכער, לאָמיר ניט אָפּשטיין מיט דיר אַ גאַנצע נאַכט!

אָליוער האָט געפאָלגט און געלאָזט זיך גיין נאָך זיין נייער באלעבאָסטע.

V

אָליוער באַקאַנט זיך מיט נייעם אוילעם און מיט לעוואַיעס

בלייבנדיק אַליין אין דער קלייט פונם ארוינעס־הענדלער, האָט אָליוער אַוועקגעשטעלט דעם לאָמפּ אַף דער הילצערנער באַנק און שטיל, מיט פאָרכט, מיט איינשדיקן ווי אַרומגעקוקט זיך.

אַ ניט־פאַרענדיקטער אָרן אַף שוואַרצע אונטערהאַלטערס איז געשטאנען אינמיטן קלייט און דערמאָנט אין שרעק פון טויט.

קאַלטער שוויים האָט באַדעקט אָליווערס שטערן. ס'האָט זיך אים אַלץ געדאכט, אַז עפּעס אַ מוירעדיק געשטאַלט הויבט שטיל אויף דעם קאָפּ פון אָרן אַרויס און שרעקט אים.

די לאַנגע רײַ ניט-געגאַרבטע ברעטער, וואָס זײַנען צוגע-
שפּאַרט געווען צו דער וואַנט, האָבן בײַ דער בלייכער שײַן
אויסגעזען, ווי אומבאַוועגלעכע רוכעס.

ברעטלעך, סטריזשקעס, גלאַנציקע צוועקעס, פּיסלעך און
שטיקער שוואַרצער קאָרט האָבן זיך געוואַלגערט אַפֿן דיל.

אין קלייט איז געווען שטיקנדיק-הייס, די לופֿט איז פֿול
געווען מיט רייעך פֿון אַרויגעס.

אַוועקלייגנדיק זיך אַפֿן זאַק, וואָס מ'האָט פֿאַר אים אַ וואָרף
געטון אַפֿן דיל, האָט אַליוועך געטראַכט, אַז ס'וואָלט בעסער
געווען, ווען ער וואָלט געלעגן אין אַ אָרט אַפֿן בייס-אוילעם, און
הויך גראָז וואָלט זיך געוויגט איבער זײַן קייווער...

אינדערפֿרי האָט אַליוועך אופֿגעוועקט אַ שטאַרקער קלאַפּ
אין טיר פֿון קלייט.

איידער ער האָט באַוויזן אַ כאַפּ טון דאָס אָנטון, האָט זיך
דער קלאַפּ איבערגעכאַזערט נאָך שטאַרקער.

ניט באַוויזן האָט ער אופֿצועפֿענען, ווי ס'האָט זיך געלאָזט
הערן אַ בייז קאָל און מ'האָט ווידער גענומען קלאַפּן מיט די פֿיס
אין טיר אַרײַן.

עפֿן אויף! — האָט מען געשריגן הינטער דער טיר.

באַלד, — האָט געענטפֿערט אַליוועך און געדרייט דעם שליסל
אין שלאָס.

דו ביסט דאָ, דאַכט זיך, דאָס נײַע מעשאָרעסל? — האָט
געפֿרעגט אַ קאָל דורך דער שפּאַרונע פֿון שלאָס.

— יאָ, — האָט געענטפֿערט אַליוועך.

— וויפֿל ביסטו אַלט?

צען יאָר, — האָט געענטפֿערט אַליוועך.

— איז וועל איך דיר כאַלד עטלעכע קלעפּ געבן, אַז איך וועל
אַרײַנקומען, — האָט געזאָגט דאָס קאָל. — וואַרט צו, איך וועל
האַלטן וואָרט, ווערעמדיק פֿאַרשווינדל!

דאָס קאָל האָט גענומען פֿייפֿן.

אַליוועך האָט מיט ציטערנדיקער האַנט געעפֿנט די טיר.

אַ רעגע — צוויי האָט ער געקוקט אַף דער גאַס, אַף דער לייַנג און ברייט פונם וועג, געמיינט, אַז דער אומבאַקאַנטער, וואָס האָט גערעדט צו אים דורך דער שפּאַרונע, האָט אָפּגע-שפּאַנט אין אַ זייט אַריין, נאָר ער, אָליווער, האָט קיינעם ניט געזעען.

בלויז אַ גראָב אינגל פון זקיינעם-הויז איז געזעסן אַנקעגן דער קלייט און פלינק געפרעסן שטיקער ברויט מיט פּוטער.

— אַנטשולדיקט, — האָט, ענדלעך, געזאָגט אָליווער זעענדיק, אַז קיינער באַווייזט זיך ניט, — דאָס האָט איר געקלאַפּט?

— יאָ, דאָס האָב איך געקלאַפּט, — האָט געענטפערט דאָס אינגל פון זקיינעם-הויז.

— איר דאַרפט האָבן אַ אָרן? — האָט געפרעגט אָליווער.

דאָס אינגל פון זקיינעם-הויז האָט ווי אַ כאַיע אַ קוק גע-געבן אַף אָליווערן און האָט געזאָגט אים, אַז ער, אָליווער, וועט זיך גאָר אינגיכן דערוואַרטן אַף אַ אָרן, אויב ער וועט כויזעק מאַכן פון עלטערע.

— דו ווייסט, זעט אויס, ניט ווער איך בין, אינגאַטש? — האָט געפרעגט דאָס אינגל.

— ניין, סער, — האָט געענטפערט אָליווער.

— איך בין מיסטער נאָאַ קלייפּאָל, און דו ביסט אין מיין רעשוס. עפן אויף די לאָדנס, וואָרעם!

מיסטער קליי-פּאָל האָט געגעבן אַ שטופּ אָליווערן - און האָט מיט ערנסטן, גאַיוועדיקן פּאָנעם אַריינגעשפּאַנט אין קלייט אַריין.

אָליווער האָט אופגעמאַכט די לאָדנס. אינגיכן איז געקומען סאָווערבערי, טייקעף נאָך אים — די מיסטריס סאָווערבערי.

אָליווער האָט זיך געלאָזט נאָך נאָאַן צום פרישטיק.

— רוק זיך צו נעענטער צום פייער, נאָאַ — האָט געזאָגט שאַרלאָטאַ, — כ'האָב פאַר דיר געלאָזט אַ אויסגעצייכנטן שטיק פון די באַלעבאָטימס פרישטיק.

— אָליווער, פאַרשליס די טיר הינטערן מיסטער נאָאַ און נעם די שטיקער, וואָס כ'האָב פאַר דיר אַוועקגעלייגט אַפן דעקל פון

שיסל. אָט איז דיין טיי. גיי, זעץ זיך אַפן קעסטל און טרינק אָפּ. גיכער, מע דאַרף גיין אין קלייט אַריין! הערסט?

— הערסט, אינגאַטשל?—האָט געפרעגט נאָאַ קלייפּאָל.

— דו ביסט היינט זייער אין קאַס, נאָאַ. ווייס איך. לאָז אים צורו,—האָט געזאָגט שאַרלאָטאַ.

לאָזן אים צורו?!—האָט אויסגעשריגן נאָאַ,—מ׳האָט אים דאָך שוין סייוויסיי איבערגעלאָזט. ניט קיין מאַמע, ניט קיין טאַטע זאָרגן ניט פאַר אים, מ׳האָט אים איבערגעלאָזט אַפן ברייטן וועג. ניט עמעס, שאַרלאָטאַ? כאַ-כאַ-כאַ!

— אַך, דו, פאַרשוין לעבעדיקער,—האָט געזאָגט שאַרלאָטאַ און אינאיינעם מיט נאָאַן געקייכט פאַר געלעכטער, דערנאָך האָבן זיי מיט גרויס פאַראכטונג אַ קוק געגעבן אַף אָליווערן, וואָס איז געזעסן אַפן קעסל אין קאַלטן ווינקל פון צימער און געגעסן זיינע שטיקלעך ברויט.

נאָאַ איז געווען אַ אינגל פון זקיינעם-הויז, ניט פון „הויז פאַר אָרעמע לייט".

זיין מאַמע איז געווען אַ וועשערן, דער טאַטע—אַ שיקערער אויסגעדינטער סאָלדאַט מיט אַ הילצערנעם פוס און מיט פענסיע—צוויי פענס.

די דאָרפס-אינגלעך פלעגן אָפט רייצן זיך מיט נאָאַן אַף דער גאַס, שרייען אים „זקיינעב-הויז" און אַנדערע בעקאָוועדיקע צונעמענישן, נאָר נאָאַ האָט אַלק איבערגעטראָגן קאַלטבלוטיק.

איצטער, אַז דאָס גליק האָט אים צוגעשיקט אַ יאָסעם, וואָס מע קאָן פון אים פראנק-און-פריי כויזעק מאַכן, איז ער, נאָאַ, זייער צופרידן געווען.

אָליווער האָט שוין אַרים דריי וואָכן געלעבט באַם ארוינעס-הענדלער. איינמאָל אינדערפרי, אַ האַלבע שאָ נאָכן פרישטיק, איז אין קלייט אריינגעקומען מיסטער באָמבל. ער האָט אַרונטערגערוקט דעם שטעקן אונטער דער פאַכווע, האָט אַרויסגענומען אַ גרויסן לעדערנעם טייסטער, פון אים אַרויסגענומען אַ בלעטל פּאַפּיר און עס דערלאַנגט סאָוערבערין.

— אַ-האַ,—האָט געזאָגט דער ארוינעס-הענדלער, קוקנדיק אַף אים מיט אַ פריילעך פּאָנעם,—ס'איז נויטיק אַ אָרן, האַ?

— ערשטנס—אַ אָרן, און צווייטנס—אַ געזעלשאַפטלעכע לע-וואַיע,—האָט געענטפערט מיסטער באָמבל.

— בייטאָן?—האָט געפרעגט דער ארוינעס-הענדלער, קוקנדיק פריער אַפן בלעטל פּאַפּיר, דערנאָך אַף באָמבלען—כ'האָב קיינ-מאָל ביז היינט נים געהערט אַזעלכן נאָמען.

— מיר האָבן זיך דערוואוסט וועגן זיי ערשט פאַריקע נאַכט,—האָט געזאָגט דער פּאַרוואַלטער,—מיר וואָלטן, עפשער, קיינמאָל נים געוואוסט וועגן זיי, ווען דאָס ווייבל, וואָס וואוינט מיט זיי בישכיינעס, וואָלט נים געבעטן דעם קאָמיטעט צושיקן דעם גע-זעלשאַפט-רויפע צו דער פרוי, וואָס איז געפאַלן אין כאַלאָשעס. דער רויפע איז נים געווען גראָד, ער איז געווען באַם וואַרע-מעס, נאָר זיין געהילף, דער פלינקער פּאַרשוין, האָט טייקעף, די רעגע געשיקט זיי אַ רעפּוע אין אַ שוואַרץ פלעשל...

— אַ! ער האָט זיך צוגעאיילט...—האָט געזאָגט דער ארוי-נעס-הענדלער.

— יאָ, טאַקע צוגעאיילט,—האָט געזאָגט דער פּאַרוואַלטער,—נאָר וואָס איז אַרויסגעקומען דערפון? אָ ווי נים-דאַנקבאַר זיי-נען זיי, אַזוי טיפּשים: דער מאַן האָט געשיקט זאָגן, אַז די רעפּוע טויג נים פאַר זיין קראַנקער ווייב און אַז זי וועט נים איינעמען די רעפּוע. זי וועט זי נים איינעמען — ווי געפעלט אייך? די נוצלעכע, געזונטע רעפּוע, וואָס מיר האָבן פריער מיט אַ וואָך געגעבן מיט גרויס ערפאָלג צוויי פּויערים און איין שיפער, די רעפּוע, וואָס מע האָט זיי צוגעשיקט אומזיסט. ער האָט געהאַט די האָזע אומקערן זי צוריק, געהאַט די האָזע זאָגן, אַז זי וועט זי נים איינעמען!

מיסטער באָמבל האָט, רויט ווערנדיק פאַר גרימצאָרן, גע-קלאַפּט מיטן שטעקן אין דיל אַריין.

— נאָר,—האָט געזאָגט דער אַרוינעס-הענדלער,—איך האָב קיינמאָל ניט...

—קיינמאָל ניט, סער. קיינמאָל ניט!—האָט אויסגעשריגן דער פּאַרוואַלטער.—און קיינער וואָלט אַזוי ניט געטון! נאָר זי איז איצט געשטאָרבן, מיר דאַרפן זי באַגראָבן. וואָס גיכער—איז בעסער.

פאַר גרויס פאַרדראָס האָט ער אָנגעטון דעם הוט מיטן הינטן פונפאָרנט און איז אַרויס פון קלייט.

—נאַאַ,—האָט געזאָגט מיסטער סאָווערבעריי,—דו וועסט אַכטונג געבן אין קלייט. אָליווער, טו אָן דאָס היטל און קום מיט מיר.

אָליווער האָט געפאָלגט און זיך געלאָזט נאָך זיין באַלעבאָס.

אַ צייט זיינען זיי געגאַן איבער די רוישיקסטע גאַסן פון שטאָט, דערנאָך האָבן זיי פארקערעוועט אין אַ שמאָל, שמוציק געסל און זיך אָפּגעשטעלט, געזוכט מיט די אויגן דאָס הויז, וואָס זיי דאַרפן.

אויף ביידע זייטן גאַס זיינען געשטאַנען גרויסע, נאָר זייער אַלטע הייזער. אויף די פענעטער, וואָס האָבן זיך אַלעמאָל אַרויסגערוקט פון די פענצטער. איז געלעגן דער שטעמפּל פון דאַלעס. עטלעכע הייזער, וואס זיינען שוין דורכגעפיילט געוואָרן פון עלטער, האָבן אונטערגעהאלטן הילצערנע סלופּעס, אָנגעשפּאַרטע אין די ווענט.

באַ דער אָפענער טיר, וואָס לעבן איר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אָליווער און זיין באַלעבאָס, איז ניט געווען קיין גלעקל, אין וועלכן מ׳זאָל קענען אָנקלינגען.

אַריינקומענדיק אין פינצטערן קאָרידאָר און פירנדיק נאָך זיך אָליווערן, האָט דער ארוינעס-הענדלער גענומען אַרופשטייגן אויף טרעפּ. אָפּשטעלנדיק זיך לעבן אַ טיר, האָט ער גענומען קלאַפּן מיט דער פויסט.

אַ מיידעלע פון אַ יאָר דרייצן—פערצן האָט זיי אופגעעפנט.

נאָכן ערשטן קוק אין אינעווייניק פון צימער האָט דער ארוינעס-הענדלער דערזעען, אַז דאָס איז טאַקע דאָס צימער, וואָס ער האָט געזוכט. ער איז אַריינגעגאַן, נאָך אים—אָליווער.

אין צימער האָט ניט געלויכטן קיין פייער, עפּעס אַ מאַנסבל איז געשטאַנען מיטן פּאָנעם צום קאמין. לעבן אים איז אויך אַ

נידעריק ביינקעלע גקזעסן אַ אַלטיטשקע. עטלעכע אָפּגערי־
סענע־אָפּגעשליסענע קינדער האָבן זיך געשפּילט אין אַ ווינקל.
אַפֿן דיל, פּונקט קעגן דער טיר, איז געלעגן עפּעס איינגעדעקט
מיט אַן אַלטער קאָלדרע. אַליוועך האָט אַ ציטער געטון און זיך
שטייפער צוגעטוליעט צום באַלעבאָס. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז
אונטער דער קאָלדרע ליגט אַ מעס.

דעם מאַנסבלס פּאָנעם איז געווען דאַר און בלייך. די האָר
און די באָרד זיינען גראָוו געווען. די אויגן אָנגעגאָסן מיט
בלוט. דער אַלטיטשקערס פּאָנעם איז געווען אינגאַנצן צעקנייטשט,
בלויז צוויי פאַרבליבענע ציין האָבן אַרויסגעשטעקט פון מויל.
די שאַרפע אויגן אירע האָבן העל געגלאַנצט.

אַליוועך איז באַפאַלן אַ פּאַכעד

— מע טאָר ניט צוגיין צו איר! — האָט אופשפּרינגענדיק אויס־
געשריגן דער מאַנסבל, ווען דער אַרוינעס־הענדלער איז צוגע־
גאַן צום מעס, — צוריק, אויב דאָס לעבן דיינס איז באַ דיר
טייער! צוריק!

— עך, מאַך זיך ניט נאַריש, גוטער פריינט,—האָט געזאָגט דער
אַרוינעס־הענדלער, וואָס איז שוין געוואוינט געווען צו קאָלערליי
דאַלעס־בילדער.

— איך כאַזער דיר נאָכאַמאָל איבער, — האָט געזאָגט דער
מאַנסבל, צעגויפדריקנדיק די הענט און דול טופּענדיק מיט די
פיס, — איך וויל ניט מ'זאָל זי באַגראָבן אין דער ערד. זי וועט
אויך דאָרט קיין רו ניט קריגן. ס'וועלן זי דאָרט די ווערעם פּיי־
ניקן, און זי איז דאָך שוין אַזוי פאַרפּייניקט.

דער אַרוינעס־הענדלער האָט קיין וואָרט ניט געענטפערט.
ער האָט אַרויסגענומען אַ שטריק פון קעשענע און זיך אָנגעבויגן
צום מעס.

— אָ, — האָט אויסגעשריגן דער מאַנסבל, זיך צעיאָמערט און
אַ פאַל געטון צו די פיס פון מעס, — אַף די קני פאַלט, אַלע
פאַלט אַף די קני פאַר איר... הערט מיך אויס! זי איז געשטאָרבן
פון הונגער. איך האָב ניט געוואוסט גאָרניט ווען איר קריינק,

ביז וואַנען סע האָט זי ניט אָנגעהויבן מדייסלען דער היץ-פיבער... די ביינער האָבן דורכגעלויכטן דורך איר הויט. ניט געווען קיין פייער, קיין ליכט. זי איז געשטאָרבן אינדערפינצטער, אינדערפינצטער. זי האט אַפילע ניט געקאָנט זען די פּנים פון די קינדער אירע, כאָטש מיר האָבן געהערט, ווי זי האָט זיי אָנגערופן באַ די נעמען. צוליב איר האָב איך געזאַמלט נעדאָוועס אַף די גאַסן, און מ׳האָט מיך אין טורמע אַריינגעזעצט. אַז איך האָב זיך אומגעקערט, איז זי געשטאָרבן. מיין האַרץ איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט. זיי האָבן זי פאַרמאַטערט מיט הונגער!

דער מאַנסבל האָט זיך אָנגעכאַפּט באַם קאָפּ און מיט הויכן געיאָמער, מיט שוים אַפן מויל געקייקלט זיך אַפן דיל.

די דערשראָקענע קינדער האָבן הויך געשריגן, נאר די אַלטיטשקע, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען רואיק, ווי אַ טויב-שטומע, האָט שווייגנדיק אַ דראָ געטון צו זיי מיט דער פויסט און איז צוגעקומען צום אַרוינעס-הענדלער.

— דאָס איז מיין טאָכטער, — האָט זי געזאָגט, טייטנדיק אַפן מעס. — איז עס ניט מעשונעדיק דאָס, וואָס איך, איר מוטער, בין איצט געזונט, לעב נאָך, און זי ליגט דאָ אַ קאַלטע, אַ טויטע! אָ, שוידער! אָ, שוידער!

זי האָט עפּעס געמורמלט און האָט געלאַכט מיט אַ שרעקלעכן געלעכטער.

דער אַרוינעס-הענדלער האָט זיך אויסגעקערעוועט אַף אַוועקצוגיין.

— וואַרט-צו, וואַרט-צו, — האָט שטיל אַ מורמל געטאָן די אַלטיטשקע, — איר וועט זי באַגראָבן מאָרגן, צי איבערמאָרגן, צי באַנאַכט! איך דאַרף דאָך האַלייטן זי. איר זאָלט מיר שיקן אַ ברייטן מאנטל, אַ וואַרעמען... איצט איז קאַלט... ווייַן וועט אויך באַ אונז זיין? ס׳מאַכט ניט אויס, איר מעגט שיקן ברויט, אַ גרויסע שטיק ברויט און אַ קווערטל וואַסער. ברויט וועט באַ אונז זיין? — האָט זי געפרעגט ווילד, אָנכאַפּנדיק דעם אַרוינעס-הענדלער באַם אַנטון.

— יאָ, יאָ, — האָט געזאָגט דער אַרוינעס־הענדל׳ער, רוקנדיק זיך צו דער טיר, — געוויס. ס׳וועט זיין אַלצדינג, וואָס איר ווילט.

ער האָט זיך ווי ס׳ניט איז באַפרייט פון דער אַלטער און איז איניינעם מיט אָליווערן אַרויס פון צימער.

אַפן צווייטן טאָג האָט זיך אָליווער און זיין באַלעבאָס צוריק אומגעקערט אַהין. דאָרט האָט שוין אַף זיי געוואַרט מיסטער באָמבל מיט פיר געהילפן־טרעגער פון „הויז פאַר אָרעמע לייט״.

אַף דער אַלטיטשקער און אַפן מאַנסבל האָט מען אַרופגע־וואָרפן אַ אַלטן שוואַרצן מאַנטל. די טרעגערס האָבן אַרופגעלייגט צו זיך אַף די אַקסלען דעם פאַרהאַקטן אָרן און האָבן אים אַרויס־געטראָגן אינדרויסן.

— נו, אַלטיטשקע, שטיי ניט אָפּ, — האָט אַ מורמל געטון סאָווערבערי, — מירן פאַרשפעטיקן, דער גאַלעך וועט ניט וועלן וואַרטן. כעוורע, שפאַנט גיכער!

די טרעגערס האָבן גענומען שפאַנען גיכער. מיסטער באָמבל און סאָווערבערי האָבן געשפאַנט פונפאָרנט, אָליווער איז געלאָפן באַ דער זייט.

זיי האָבן זיך אומזיסט געאײַלט צום בייסוילעם, וואָס איז באַוואָקסן מיט קראָפּיווע, — דער גאַלעך איז נאָך ניט געווען, דער אופזעער פון בייסוילעם האָט ניט געוואוסט, צי מיינט ער, דער גאַלעך, איינגיכן אָנקומען.

דערווייל האָט מען דעם אָרן אַוועקגעשטעלט באַם עק קייווער. אינגלעך, וואָס די לעווייע דאָט זיי צוגעצויגן צום בייסוילעם, האָבן זיך פריילעך געשפילט אין באַהעלטערלעך צווישן די מאַ־צייוועס אָדער האָבן געשפרונגען הין און צוריק איבערן אָרן.

מיסטער סאָווערבערי און באָמבל זיינען געווען צענויפגעלייגט מיטן אופזעער פון בייסוילעם, זיינען זיי אַוועק צו אים, אוועק־געזעצט זיך מיט אים באַ דער פערטקע און גענומען לייענען אַ צייטונג.

סאָפּקאָלסאָף, אין אַ שאָ אַרום, האָבן זיך מיסטער באָמבל מיסטער סאָווערבערי און דער אופזעער געלאָזט גיין צום קייווער,

טייקעף נאָך זיי איז אָנגעקומען דער גאַלעך, אָנטוענדיק בעאייסן גאַנג זיין גאַלאָכישן קיטל.

מיסטער באַמבל האָט געגעבן עטלעכע קלעפּ אַ צוויי, דריי פון די אינגלעך. דער כאָשעווער גאַלעך האָט אין אַ פּיר מינוט געמאַכט אַ העספּעד און איז אוועקגעגאַן. —

— נו — האָט געזאָגט מיסטער סאָוערבערי צום באַגרעבער, — פאַרגראָבּט.

דער קייווער איז שוין געווען אזוי פול, אַז דער אויבערשטער טייל פון אָרן איז געווען ניט מער ווי אַ דריי פוס ווייט פון דעם ערד - אויבן. דער באַגרעבער האָט אָנגעשאטן ערד, אַ טופּע געטאָן אף איר מיט די פיס, האָט אַרופגעוואָרפן דעם גראָב-אייזן אַפן אַקסל און איז אוועק. ס'האָבן אים מיט געוואַלדן באַגלייט די אינגלעך, וועלכע זיינען זייער ניט צופרידן געווען, וואָס די לעוואַיע האָט זיך אַזוי גיך פאַרענדיקט.

— קום, גוטער פריינט, — האָט מיסטער באַמבל אַ קלאַפּ געטון דעם מאַנסבל איבער דער פּלייצע, — מע וויל פאַרשפאַרן דעם קלויסטער.

דער מאַנסבל, וואָס איז געשטאַנען לעבן קייווער, האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. ער האָט אַ ציטער געטון, האָט אַ קוק געטון אף באַמבלען, געמאַכט עטלעכע שפּאַן פאַרויס און איז אומגעפאַלן אין כאַלאָשעס צו דער ערד.

די דולע אַלטיטשקע האָט זיך געזידלט: מ'האָט באַ איר צוגענומען דעם וואַרעמען מאַנטל.

דעם מאנסבל האָט מען קאם אָפּגעמונטערט. אַלע זיינען זיך צעגאַנגען.

— נו, אָליווער, — האָט גייענדיק אַהיים, געפרעגט סאָוערבערי — געפעלט עס דיר?

— סע געפעלט מיר, — האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן אָליווער, — סע געפעלט מיר ניט זייער...

— ס'מאכט ניט אויס, גוטער ברודער, מיט דער צייט וועסטו צוגעוויינט ווערן, — האָט געזאָגט סאָוערבערי.

אָליווערן האָט זיך געגלוסט וויסן, צי איז באַם מיסטער סאָווער בעריי אַסאַך ציים אוועקגעגאַן. ביז ער איז צו דערצו געוואוינט געוואָרן, נאָר ער האָט מוירע געהאַט צו פרעגן וועגן דעם. ער האָט זיך אומגעקערט אין קלייט אַריין אונטערן שטאַרקן איינד־רוק פון דעם, וואָס ער האָט געזען און געהערט.

VI

אָליווער פארכידעשט נאָאַן

אין מעשעך פון עטלעכע כאַדאָשים האָט אָליווער געדולדיק איבערגעטראָגן די באַליידיקונגען פון נאָאַ קלייפאָל. ער איז, נאָאַ, מיט יעדן טאָג אַלץ ערגער און ערגער זיך באַגאַנגען מיט אָליווערן. ער האָט אים מעקאַנע געווען, אָליווערן: דער באַלעבאָס האָט אים ליב געקריגן. שארלאָטאַ איז זיך מיט אָליווערן שלעכט באַגאַן דערפאַר, וואָס נאָאַ האָט אים פיינט געהאַט, דערפאַר וואָס מיסטער סאָווערבעריי איז אים אַ גוטער פריינט געוואָרן.

איינמאָל זיינען אָליווער און נאָאַ אַראָפּגעגאַן אין קיך אריין צום וואַרעמעס. שארלאָטען האָט מען צוליב עפעס אַוועקגערופן. דער הונגעריקער צעקאַסטער נאָאַ האָט גענומען פייניקן אָליווערן.

נאָאַ האָט אַוועקגעלייגט די פיס אַפן בעטל און גענומען שלעפן אָליווערן באַ די האָר און באַ די אויערן, זידלענדיק אים. אָליווער האָט געשוויגן. דעמאָלט האָט נאָאַ צוגעטראַכט אַ נייעם מיטל.

— אינגאַטשל, — האָט ער געפרעגט, — וואו איז דיין מוטער?

— זי איז געשטאָרבן, — האָט געענטפערט אָליווער, — רייד מיט מיר נים וועגן איר.

אָליוּוערס פּאָנעם איז אינגאַנצן רויט געוואָרן. ער האָט שווער געאָטעמט.

נאָאַ האָט, וואַרטנדיק ווען וועט אָליוּוער אָנהייבן שרייען, ווייטער געפרעגט:

— און פון וואָס איז זי געשטאָרבן?

— פון אומגליק, אַזוי האָט מיר דערציילט די אַלטיטשקע אין „הויז פאַר אָרעמע לייט", — האָט געענטפערט אָליוּוער, — איך פאַרשטיי, וואָס סע הייסט שטאַרבן פון אומגליק.

— ווער צווינגט דיך וויינען? — האָט געזאָגט נאָאַ.

— ניט דו, — האָט געענטפערט אָליוּוער און האָט אָפּגעווישט די טרער, — מיין נאָר ניט, אַז דו.

— ניט איך? — האָט מיט כויזעק געפרעגט דער סוינע.

— יאָ, ניט דו. שווייג, זאָלסט מיר קיין וואָרט ניט זאָגן וועג איר. אַניט, וועט דיר ביטער זיין!

— ביטער! — האָט אויסגעשריגן נאָאַ, — וואָס הייסט עס? דיין מוטער... אָ, זי איז אַ גאַנץ כיינעוודיקע געווען! — ער האָט נאָאַ, דורכגעטריבן אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— ווייסט וואָס, אינגאַטשל, — האָט ווייטער גערעדט נאָאַ, וועלכן ס'האָט איפּגעמונטערט אָליוּוערס שווייגן, — איצטער קאָן מען שוין דערצו מיט גאָרניט העלפן. אַפילע פריער וואָלסטו אויך ניט געקאָנט העלפן, איך האָב ראַכמאָנעס אַף דיר, מיר האבן אַלע ראַכמאָנעס אַף דיר. דו ווייסט, דיין מוטער איז געווען ניט קיין לייטישע פרוי.

— וואָס? — האָט אופשפרינגענדיק געפרעגט אָליוּוער.

— זי איז געווען ניט קיין לייטישע פרוי, — האָט קאַלטבלוטיק איבערגעכאַזערט נאָאַ, — זי האָט גוט געטון, וואָס זי איז געשטאָרבן. אַניט וואָלט איר אויסגעקומען זיצן אין טורמע אָדער מ'וואָלט זי אופגעהאַנגען. האַ? ניט אַזוי?

בלייך פאַר צאָרן, האָט אָליוּוער אַ ציטער געטון, איבער-געקערט דעם טיש און דאָס ביינקל, אַ כאַפּ געטון נאָאַן פאַרן האַלדז, אים אַזאַ קלאַפּ געטון, אַז ס'האָבן זיך אין מויל באַ אים

שאָקלען געגומען די צײַן און, צענויפגעזאַמלט אַלע קויכעס, אים אומגעוואָרפן אַפן דיל.

אַ רעגע פריער האָט דאָס אינגל אויסגעזען ווי אַ מילדע, שטילע, שעמעוודיקע ברייע. איצטער האָט ער באַוויזן זיין קויעך: די אַכזאָריעסדיקע באַליידיקונג וועגן זיין פאַרשטאָרבענער מוטער האָט אָנגעצונדן זיין בלוט. די ברוסט זיינע האָט זיך געוויגט, דער קערפּער האָט זיך אויסגעגלייכט, די אויגן האָבן געגלאַנצט. ער האָט זיך אינגאַנצן איבערגעביטן און צאָרנדיק געשטאַנען איבערן דערשראָקענעם סוינע, וואָס איז ציטערנדיק מיטן גאַנצן לייב געלעגן בײַ זיינע פיס.

— ער וועט מיך דערהאַרגענען! שאַרלאָטאַ! ער וועט מיך דערהאַרגענען! העלף! ראַטעוועט! שאַר-לאָ-טאַ!

דערהערנדיק נאָאַס גוואַלדן, זיינען געקומען צו לויפן שאַרלאָ-טאַ און מיסטריס סאָוערבערי. שרייענדיק נאָך העכער, האָט זיך שאַרלאָטאַ געלאָזט אין קיך אַריין. מיסטריס סאָוערבערי איז געשטאַנען אַף די טרעפּ, זייענדיק זיכער, אַז איר לעבן איז אין געפאַר.

— אַך, דו אויסוואורף! — האָט געשריגן שאַרלאָטאַ, אָנ-כאַפּנדיק אָליווערן מיט איר קימאַט-מאַנסבלשן קויעך, — מיעסער, נידערטרעכטיקער שנעק! — בײַ יעדער וואָרט האָט זי, שאַרלאָטאַ, געגעבן אָליווערן אַ געזונטן פּאַטש, גוואַלדעוועדיק בעאייס מאַיסע.

אַ האַנט האָט שאַרלאָטאַ געהאַט אַ שווערע. כוצדעם איז מיסטריס סאָוערבערי אויך אַריין אין קיך, אָנגעכאַפּט אָלי-ווערן מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער געדראַפּעט אים דאָס פּאָנעם. נאָאַ האָט זיך אויפגעהויבן און געשלאָגן אָליווערן פונהינטן.

אַז זיי זיינען אַלע דריי מיד געוואָרן און קיין קויעך ניט געהאַט צו שלאָגן אָליווערן, האָבן זיי אים פאַרשפּאַרט אין קעלער. מיסטריס סאָוערבערי איז אַוועקגעפאַלן אַף אַ שטול און זיך צעוויינט.

— זי פילט זיך שלעכט! — האָט אויסגעשריגן שאַרלאָטאַ, — וואַסער, וואַסער! נאָאַ, גיכער!

— אַך, שאַרלאָטאַ, — האָט, כאַפּנדיק דעם אָטעם, געזאָגט מיסטרים סאָוערבערי, — ס'אַראַ גליק, וואָס מע האָט אונז ניט אויסגעקוילעט באַנאַכט בעאייסן שלאָפן.

— יאָ, מיסטרים, ס'איז עמעס אַ גליק. כ'האָף, אַז איצטער וועט דער באַלעבאָס שוין מער ניט נעמען צו זיך אָט די אויסוורפן. אָט די מערדער. נאָאַ, נעבעך, איז אינגאַנצן צעקלאַפּט.

— אַ ראַכמאָנעס אַף אים, — האָט געזאָגט מיסטרים סאָוערבערי, קוקנדיק מיט מיטלייד אַף נאָאַן.

נאָאַ, באַ וועלכן דאָס אויבערשטע וועסטל-קנעפל איז געווען העכער פון אָליווערס קאָפּ, האָט געריבן די אויגן, מיענדיק זיך אַרויסצוקוועטשן עטלעכע טרערן.

— וואָס זאָלן מיר טון! — האָט אויסגעשריגן מיסטרים סאָוערבערי. — מיין מאַן איז ניטאָ אין דערהיים, ניטאָ אין שטוב קיין איין מאַנסבל. ער קאָן יעדע רעגע אופברעכן די טיר.

— אַך, איך ווייס אויך ניט, וואָס זאָלן מיר טון, מיסטרים, — האָט געזאָגט שאַרלאָטאַ, — מיר דאַרפן, יעדנפאַלס, שיקן נאָך פּאָליציי.

— אָדער נאָך סאָלדאַטן, — האָט צוגעגעבן נאָאַ.

— ניין, ניין! — האָט אויסגעשריגן מיסטרים סאָוערבערי, דערמאנענדיק זיך אין אָליווערס שטענדיקן גוטן-פריינט, — גיב אַ לויף צו מיסטער באַמבל, נאָאַ, און בעט אים ער זאָל קומען אהערצו טייקעף, ער זאָל זיך קיין רעגע ניט פאַרזאַמען. לויף-צו אַפילע אָן אַ היטל, גיכער! לייג צו אַ מעסער צום אופגעלאָפענעם אויג: דאָס וועט אָפּשטעלן די בייל, זי זאָל ניט וואַקסן.

נאָאַ האָט ניט געענטפערט קיין וואָרט. ער האָט זיך אוועקגעיאָגט. די פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און פאַרכידעשט געקוקט אַפן אינגל, וואָס לויפט איבער דער גאַס אָן אַ היטל מיט אַ מעסער באַם אויג.

וואָס איז געשען דערנאָך

נאָא קליי־פּאל איז געלאָפן פייל-פון-בויגן און זיך אָפּגעשטעלט ערשט בײַ די טויערן פון „הויז פֿאַר אָרעמע לייט", צענויפגענומען דאָ אַ געצויגנדע צאָל טרערן און, מאַכנדיק אַ דערשלאָגן נעבעך-פּענעמל, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיר. דער אַלטער וואָס האָט אים אופגעעפנט, איז פאַרכידעשט אָפּגעשפּרונגען צוריק.

— וואָס איז עס געשען מיט דיר? — האָט געפרעגט דער אַלטער.

— מיסטער באָמבל, מיסטער באָמבל! — האָט געשריגן נאָא מיט אַזאַ איעש, מיט אזא גוואלד, אז מיסטער באָמבל אליין איז ארויסגעשפּרונגען.

— אָ, מיסטער באָמבל, — האָט געזאָגט נאָא, — אָליווער, סער, אָליווער...

— וואָס, וואָס? — האָט אים איבערגעשלאָגן מיסטער באָמבל און צעפרידנקייט האָט זיך צעגלאַנצט אין זיינע אויגן, — ער איז אנטלאָפן? ער איז אנטלאָפן? ניין, נאָא?

— ניין, סער, ניין, ער איז ניט אַנטלאָפן, נאָר ער איז אַ מערדער געוואָרן, — האָט געענספּערט נאָאַ, — ער האָט געוואָלט דערהאַרגענען מיך שיר. דערנאָך האָט ער געוואָלט דערהאַרגענען שאַרלאָטען און די באַלעבאָסטע. אָ! דאָס איז שוידערלעך, שוידערלעך! — נאָאַ האָט געמאַכט קאָלערליי האַוואַיעס, שוימיענדיק זיך באַווייזן פאַרן מיסטער באָמבל, אַז ער פילט נאָך איצטער אָליווערס קלעפּ.

אַז נאָאַ האָט דערזען, ווי דער מיסטער באָמבל האָט זיך דערשטוינט פון דעם, וואָס ער האָט דערציילט, האָט ער גענומען אויסמאָלן די פּכאָדעס אַלץ מיט אַ העכער קאָל. בעאיים מאַ[illegible]ע איז פאַרבײַגעגאַנגען דער דזשענטלמען, וואָס אין ווייסן זשילעט. דערהערט אַ געשריי, איז ער צוגעגאַנגען צו באָמבלען דערוויסן זיך וואָס קומט עס פאָר.

— אָט דעם אינגל, — האָט געענטפערט מיסטער באָמבל, — האָט שיר ניט געהאַרגעט אַף טויט דער קליינער טוויסט.

— אָ־וו־אָ־אָט! — האָט זיך אופגעשטעלט דער דזשענטלמען, וואָס אין ווייסן זשילעט, — איך האָב עס פריער געוואוסט! איך אין אַלע מיטגלידער פון קאָמיטעט האָבן שטענדיק געפילט, אַז אָט דאָס ווילד באַכערל וועט מען אַמאָל אופהייגנען!

— ער האָט געוואָלט דערהאַרגענען אויך דאָס דינסטמיידל, — האָט בלייך ווערנדיק געזאָגט מיסטער באָמבל.

— און די באַלעבאָסטע, — האָט צוגעגעבן נאָאַ.

— און דעם באַלעבאָס אויך. דו האָסט, דאַכט זיך, געזאָגט, נאָאַ, אַז דעם באַלעבאָס אויך? — האָט געפרעגט מיסטער באָמבל.

— ניין. דער באַלעבאָס איז אינדערהיים ניט געווען, אַניט וואָלט ער אויך דעם באַלעבאָס געהאַרגעט, — האָט געענטפערט נאָאַ. — ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל...

— אַ, ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל. אַזוי, באַכערל? — האָט געפרעגט דער דזשענטלמען, וואָס אין ווייסן זשילעט.

— יאָ, סער, — האָט געענטפערט נאָאַ, — און די באַלעבאָסטע האָט באַפוילן בעטן מיסטער באָמבל זאָל אַריינקומען צו איר, ביז וואַנען דער באַלעבאָס וועט זיך ניט אומקערן אַהיים.

— טייקעף, באַכערל, טייקעף, — האָט געזאָגט דער דזשענטלמען וואָס אין ווייסן זשילעט, קלוג שמייכלענדיק, גלעטנדיק נאָאַ איבערן קאָפּ. — דו ביסט אַ וואויל אינגל, זייער אַ וואויל אינגל. אָט, נאָ דיר אַ פּעני. באָמבל, נעמט מיט זיך מיט דעם שטעקן און שאַנעוועט ניט...

— האָט קיין מוירע ניט, — האָט געענטפערט דער פּאַרוואַלטער, קלאַפּנדיק מיטן שטעקן.

— זאָגט סאָווערבערין, ער זאָל אויך ניט שאַנעווען אים. אָן קלעפּ קאָן מען מיט אים גאָרניט ניט מאַכן, — האָט געזאָגט דער דזשענטלמען.

— כ׳וועל זיך שוין באַמיען, — האָט געענטפערט דער פּאַרוואַלטער און איז אַפּגיך אַוועק מיט נאָאַן צו דער אַרוינעס־קלייט.

מיסטער סאָוועראַבערי האָט זיך נאָך נים אומגעקערט. אָליווער האָט אַלץ געקלאַפּט מיט די פּיס אין דער טיר פון קעלער. אַזוי ווי מיסטריס סאָוועראַבערי און שאַרלאָטאַ האָבן דערציילט, אַז ער איז שווידערלעך צעווילדעוועט, האָט מיסטער באַמבל באַשלאָסן, נים אויפעפענענדיק די טיר, זיך פריער דורכשמועסן מיט אים. ער האָט אַ זעץ געטון אין דער טיר, צוגעלייגט די ליפּן צו דער שפּאַרונע אין שלאָס און געזאָגט הויך, אַף אַ קאָל.

— אָליווער!

— לאָזט מיך אַרויס, — האָט אָליווער געענטפערט פוניגעווייניק.

— דערקענסטו מיין קאָל, אָליווער?

— יאָ.

— און דו האָסט קיין מוירע נים פאַר מיר? און דו ציטערסט נים, אַז איך רעד מיט דיר? — האָט געזאָגט מיסטער באַמבל.

— ניין, — האָט דרייסט געענטפערט אָליווער.

מיסטער באַמבל איז צעמישט געוואָרן. ער האָט אָפּגעטראָטן פון דער טיר, אויסגעגלייכט זיך און שטומענדיק אַ קוק געטון אַף די מענטשן אַרום זיך.

— אָ, מיסטער באַמבל, ער איז געווים פון זינען אַראָפּ, — האָט אויסגעשריגן מיסטריס סאָוועראַבערי, — קיין איין אינגל, וואָס איז באַ די געדאַנקען, וואָלט נים געהאַט די האָזע אַזוי ריידן מיט אייך.

— די סיבע איז דאָ נים מעשוגאַס, — האָט געענטפערט מיסטער באַמבל נאָך עטלעכע רעגעס פון טיפן באַטראַכטן זיך, — די סיבע איז דאָ די שפּייז.

— וואָס? — האָט אויסגעשריגן מיסטריס סאָוועראַבערי, דערמאָנענדיק זיך, אַז זי האָט געגעבן אָליווערן בלויז די רעשטן עסנווארג — דאָס, וואָס קיינער אין הויז האָט שוין נים געוואָלט עסן.

— די שפּייז, מיסטריס, די שפּייז, — האָט, אַרויסגייענדיק פון די קיילים, געענטפערט באַמבל, — איר האָט צו-גוט געהאָדעוועט אים! איר האָט אין אים אויפגעוואַקסט דעם שאַרפן סייכל און די שאַרפע נעשאָמע, וועלכע אַזעלכעו, ווי ער, אין אַזעלכע לאַגעס,

ווי זיינע, סאָרן ניט האָבן. אַף וואָס דאַרפן אָטדי מענטשן האָבן אַ געשאָמע? געגוג, אַז מיר לאָזן זיי איבער דעם לעבעדיקן קערפּער.

— ווען איר זאָלט אים גאָרניט ניט געווען געבן, אויסער קאַשע, וואָלט עס ניט געטראָפן.

— אָט וואָס סע קומט אַרויס פון גוט זיין — האָט אויסגעשריגן מיסטריס סאָווערבערי, קוקנדיק צו דער קיך-צו.

מיסטער סאָווערבערי האָט זיך אומגעקערט. אַז מ׳האָט אים דערציילט וועגן אָליווערס שוידערלעכן פאַרברעכן, האָט ער אופּגעעפנט די טיר פון קעלער און האָט דעם קליינעם אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן פאַרן קאָלנער.

אָליווערס אָנטון איז געווען אינגאַנצן צעריסן מאַכמעס די קלעפּ, דאָס פּאָנעם איז געווען צעדראַפּעט און פאַרבלוטיקט, די האָר זיינען אין פיל ערטער אויסגעציפּט געווען. נאָר דאָס פּאָנעם זיינס איז נאָך רויט געווען פון צאָרן, און אז מ׳האָט אים אַרויסגעלאָזט, איז ער צוגעגאַן צו נאָאַן און אָן מוירע אַ קוק געטאָן אַף אים.

— נו, כעוורעמאַן, אָט האָסטו דיר, — האָט געזאָגט מיסטער סאָווערבערי און אָפּגעלאָזט אָליווערן אַ פּאַטש.

— ער האָט געהאַט די האָזע זידלען מיין מוטער, — האָט געענטפערט אָליווער.

— נו, איז וואָס? — האָט געזאָגט מיסטריס סאָווערבערי — זי האָט עס פאַרדינט. זי האָט עפּשער נאָך מער פאַרדינט.

— ניט — עמעס, — האָט געענטפערט אָליווער.

— פאַרדינט, — האָט געזאָגט מיסטריס סאָווערבערי.

— נאַרישקייטן, — האָט אויסגעשריגן אָליווער.

סאָווערבערי האָט אים געגעבן גאָר אַ שטאַרקן קלאַפּ מיטן שטעקן און אים פאַרשפּאַרט אין קאַמער איינייִנעם מיט אַ קווערטל וואַסער און אַ שטיק ברויט. אַפּדערנאַכט האָט מיסטריס סאָווערבערי, נאָך אַסאַך רייד, ניט זייער פיינע פאַרן אָנדיינק פון זיין מוטער, אַרויסגעפירט אים פון קאַמער און געהייסן אים גיין שלאָפן אַראָפּ.

נאָא און שאַרלאָטא האָבן אים באַליים מיט כוויזעק-רייד און מיט זידלעריי.

בלייבנדיק אליין, אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, אין דער פינצטערער אַרוינעס-קלייט, דאָרט וואו קיינער האָט אים ניט געקאָנט ניט זעען, ניט הערן, — האָט אָליוער פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּאָנעם און זיך ביטער צעוויינט.

דאָס ליכט האָט קימאַט שוין אויסגעברענט, ווען ער האָט זיך אופגעהויבן און, פאָרכטיק אַרומקוקנדיק זיך, איינגעהערט זיך, דערנאָך האָט ער שטיל אופגעעפנט די טיר און אַ קוק גע-טון אַף דער גאַס.

די נאַכט איז געווען א פינצטערע און אַ קאַלטע. קיין ווינטל האָט ניט געבלאָזן, און די שאָטנס פון די ביימער אַף דער ערד האָבן אויסגעזען ווי פינצטערע רוכעס. אָליוער האָט שטיל פאַרשלאָסן די טיר. בא דער בלייכער שיין פון אויסגייענדיקן ליכט האָט ער פאַרבונדן אין אַ טיכעלע זיין גאַנצן האָב און גוטס, זיך אַוועקגעזעצט אַף אַ באַנק און גענומען וואַרטן אַף אינדערפרי.

אַז דער ערשטער באַגינען-שטראַל איז ארייגעדרונגען דורך די לאָדנס, איז אָליוער אופגעשטאַנען און ווידער געעפנט די טיר. איין קוק אַרום זיך, איין רעגע פון באַטראַכטן זיך—און ער איז אַרויס אַף דער גאַס. אַ קוק געטאָן אַף רעכטס, אַף לינקס, ניט וויסנדיק, וואוהין אַנטלויפן. נאָר אָט האט ער זיך דערמאנט, אַז אַף דעם וועג איז ער געגאַן נאך באמבלען, ווען יענער האט אים געפירט פון דארף אין „הויז פאַר ארעמע לייט". דער וועג איז געגאַן פאַרבײַ אַ באַקאַנט שטיבל, האט אליוערס הארץ גענומען שטאַרקער קלאַפּן און ער האט זיך שנעל געלאזט לויפן פאָרויס.

VIII

אָליווער גייט קיין לאָנדאָן

געענדיקט האָט זיך דאָס שטעטל, און אָליווער איז אַרויס אַפֿן ברייטן שליאַך. געווען איז דאַן אַכט אַזייגער. כאָטש ער איז שוין דורך אַכט ווערסט פֿון שטאָט, נאָר געלאָפֿן איז ער ביז מיטאָג, אויסבאַהאַלטנדיק זיך צווישן די קוסטן און היגטער די בוימער, אַלץ מוירע האָבנדיק פֿאַר נאָכיאָג. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אַ ווערסט-סלופּ און צום ערשטן מאָל אַ טראַכט געטאָן וואוהין ער זאָל גיין, ווי אַזוי לעבן.

דער סלופּ, געבן וועלכן ער איז געזעסן, האָט מיט היפּשע אותיות אָנגעוויזן, אַז ביז לאָנדאָן ** נאָך פֿאַרבליבן הונדערט ווערסט. דאָס וואָרט „לאָנדאָן" האָט אויפֿגערודערט אָליווערן. אין אַזאַ ריזיקער שטאָט וועט קיינער, אַפֿילו מיסטער באָמבל, אים ניט געפֿינען.

נאָר געשראָקן האָט אים, אָליווערן, געשראָקן הונגער-טויט אַף גרויסער און פֿרעמדער גאַס. איז ער אויפֿגעשפּרונגען און זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין.

ער איז שוין דורך מער פֿון פֿינף ווערסט.

ביז לאָנדאָן איז נאָך ווייט. אין קלומיקל באַ אים זיינען געבליבן איין שטיק ברויט, אַ גראָב העמד און אַ פּאָר זאָקן. אין קעשענע איז געבליבן איין פּענס—סאָווערבעריס מאַטאָנע נאָך דער לעוואַיע. „אַ ריין העמד, — האָט געטראַכט אָליווער, — איז זייער אַ נוצלעכע זאַך, און אַ פּאָר זאָקן איז אויך אַ פֿיינע זאַך, און דער פּענס קאָן אויך צונוצקומען, נאָר דאָס אַלץ איז דאָך קאַרג אַף דורכצוגיין פֿינף-און-נײַנציק ווערסט צופֿוס". דאָך, האָבן אָט די געדאַנקען ניט אָפּגעשטעלט אָליווערן — ער האָט אַרופֿגעשליידערט דאָס קלומיקל אַף די אַקסלען און איז אַוועק ווייטער.

אין דעם טאָג איז אָליווער דורך דרייסיק ווערסט און ניט געגעסן גאָרניט, כוץ אַלטגעבאַקן ברויט און וואַסער, וואָס ער האָט

אויסגעבעטלט אַפֿן וועג. אַז ס'איז אָנגעקומען די נאַכט, האָט ער זיך פֿאַרגראָבן אין דער סיפּעניש פֿון קאָרן און באַשלאָסן אָפּצו-שלאָפֿן ביז אינדערפֿרי. טכילעס איז אים געווען שרעקלעך, ווײַל ס'האָט געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט. ער איז, אָליוועך, דורכגעפֿרוירן געווען, און הונגעריק געווען. נאָר די מידקייט האָט איינגענומען, און ער איז אַנשלאָפֿן געוואָרן. אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אינדערפֿרי, האָט ער אַזוי דערפֿילט דעם הונגער און די קעלט, אַז, פֿאַרבײַגייענדיק אַ דאָרף, האָט ער געמוזט אויסבעטן זײַן פּענס אַף אַ קליין שטיקל ברויט. ניט באַוויזן האָט ער אָפּשטאַנען פֿיפֿצן ווערסט, ווי ס'איז ווידער געוואָרן נאַכט. אָליוועך איז שוין אײַנגעטאַנצן פֿאַרמאַטערט געווען, די קני זײַנע האָבן זיך געבויגן, די פֿיס האָבן געציטערט. די צווייטע נאַכט, וואָס ער האָט פֿאַר-בראַכט אין פֿעלד, האָט אים שוין לאַכלוטן פֿאַרפֿייניקט, און ווייטער גיין האָט ער ניט געקאָנט.

האָט ער, אָליוועך, אָפּגעשטעלט זיך לעבן אַ פּאָסט-קאַרעטע און געבעטן די פּאַסאַזשירן זיי זאָלן אים נעמען מיט זיך נאָר קיינער האָט זיך אַף אים ניט אומגעקוקט. עטלעכע פֿון זיי האָבן אים פֿאַרגעלייגט פֿאַר אַ האַלבן פּענס דורכצולויפֿן ביזן נאָענטן בערגל. אָליוועך האָט געפּרוּווט לויפֿן נאָך דער קאַרעטע, נאָר, פֿאַרמאַטערט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. דער פּאַסאַזשיר האָט עס דערזעען, האָט אַרײַנגעלייגט דעם האַלבן פּענס צוריק אין קעשע-נע אַרײַן און אָנגערופֿן אָליווערן „פֿוילער הונט, וואָס איז ווילע קיין גראָשן ניט דערווערט". די קאַרעטע האָט אַוועקגעיאָגט.

אָליוועדן וואָלט אויסגעקומען פֿאַלן טויט אַפֿן וועג, ווען ער זאָל זיך ניט געווען צופֿעליק טרעפֿן מיט איינער—אַ גוטער אַל-טיטשקער. זי האָט אַף אים ראַכמאָנעס געקריגן, געגעבן אים אַלץ, וואָס זי איז בעקויעך געווען, און אים געטרייסט מיט מיטלייד-רייד. דער אופֿגעמונטערטער אָליוועך איז אַוועק ווײַטער.

באַגינען אַפֿן דריטן טאָג נאָכן אַנטלויפֿן איז אָליוועך אַרײַנ-געקומען אין אַ קליין שטעטל באַרנעט. די לאָדנס פֿון די הײַזער זײַנען נאָך פֿאַרשפּאַרט געווען, די גאַסן—פּוסט, קיין מענטשן

האָט מען נאָך ניט געזען. אָליווער, מיט פאַרוואונדעטע פיס, באַדעקט מיט שטויב און שווייס, האָט זיך צוגעזעצט אַף דער שוועל פון איינער אַ שטוב.

די לאָדנס האָבן זיך צו ביסלעכווייס גענומען אופעפענען, די פאָרהייגגלעך האָבן זיך אופגעהויבן. ס'האָט זיך אווילעם גענומען באַווייזן אַף דער גאַס.

עטלעכע האָבן זיך אָפגעשטעלט, עטלעכע האָבן זיך אומגעקוקט אַף אים, נאָר קיינער איז ניט צוגעגאַן, קיינער האָט ניט געפרעגט, ווי קומט ער אַהער. ער האָט מוירע געהאַט בעטן אַ נעדאָווע און איז שטומענדיק געזעסן אַף דער שוועל. פלוצלינג האָט ער באַמערקט, אַז סע באַטראַכט אים אופמערקזאַם עפעס אַ אינגל פון דער צווייטער זייט גאַס. טכילעס האָט ער זיך דערויף ניט אומגעקוקט. נאָר אַז דאָס אינגל איז לאַנג אַזוי געשטאַנען, האָט אָליווער אופגעהויבן דעם קאָפ און מיט פרעגע אין בליק אַ קוק געטון אַף אים. דאָס אינגל איז אַריבער דעם בריק און איז צו צו אָליווערן:

— וואָס איז עס מיט דיר, טייערינקער?

ער איז געווען קימאַט אין אָליווערס יאָרן, נאָר אָליווערן האָט ער אויסגעזען עפעס געשוונדיק. ער האָט געהאַט אַן אַרופגעריסענע נאָז, עפעס קאָמישעס איז געלעגן אַף זיין פּאָנעם. כוץ־דעם, איז ער אינגאַנצן אויסגעשמירט געווען, און טנועס געהאַט פון אַ עלטערן מענטשן. דער קורצער וואוקס, די קרומע פיס און די שמאָלע, מיעסע אויגן ווייניג האָבן זיך טייקעף געוואָרפן אין די אויגן. זיין הוט איז אזוי לייכט געווען אָנגערוקט אַפן קאָפ, אַז אַ מינדסטער בלאָז פון ווינט וואָלט דעם הוט אַראָפגעבלאָזן, ווען ער זאָל אים אלע רעגע ניט צורעכט מאַכן. אָנגעטון איז ער געווען אין אַ ראָק פון אַ דערוואַקסענעם מענטשן, ביז איבער די פיאַטעס. ער האָט פאַרבויגן די אַרבל, קעדיי די הענט זאָלן זיין פריי, און האָט זיי אַריינגעלייגט, די הענט, אין די קעשענעס. שטיוול האָט ער געטראָגן סאָלדאַטישע, אַ אויסזען געהאַט אַ ערנסטן און אַ שטאָלצן.

— וואָס איז עס מיט דיר, פּייערינקער? — האָט איבערגע-
כאַפּט זיין פראַגע דער מעשונעדיקער דזשענטלמען.

— איך בין זייער מיד און גאָר זייער הונגעריק, — האָט מיט
טרערן אין די אויגן געענטפערט אָליווער, — איך בין די גאַנצע צייט
געגאַנגען צופוס, איך בין זיבן טעג געווען אין וועג.

— זיבן טעג אין וועג, — האָט געענטפערט דער יונגער
דזשענטלמען, — אָ, כ'פאַרשטיי, די צאַפּלי האָט דיך אַוועקגעשיקט?
נאָר — האָט ער מיט כידעש אַ קוק געטון אַף אָליווערן, — דו
ווייסט, דאַכט זיך, ניט וואָס הייסט צאַפּלי, גוטער-ברודער?

אָליווער האָט געענטפערט, אַז וואָס איז, דאַכט זיך, אַ פויגל.

— אָ, ווי נאַאיוו דו ביסט, גוטער-ברודער, — האָט אויסגעשריגן
דאָס אינגל, — צאַפּלי הייסט — ריכטער, און אויב דו גייסט לויטן
באַפעל פון אַ צאַפּלי, וועסטו שוין צוריק ניט אומקערן זיך.
מ'דאַרף גיין פאָרויס. נו, קום, דו ביסט מיסטאָמע הונגעריק.

דער יונגער דזשענטלמען האָט געהאָלפן אָליווערן אופשטיין,
איז אַריינגעגאַנגען אין נאָענטן קלייטל, געקויפט וואורשט און ברויט,
דערנאָך איז ער אַוועק מיט אָליווערן אין אַ שיינק און געהייסן
געבן ביר. ער האָט איינגעלאַדן דער סוידעסדיקער פריינט
אָליווערן עסן איבערבייסן, און אָליווער האָט גענומען עסן מיט
גרויס אַפּעטיט. דאָס מעשונעדיקע אינגל האָט אים די גאַנצע
צייט אופמערקזאַם באַטראַכט.

— קיין לאָנדאָן גייסטו? — האָט ער געפרעגט, אַז אָליווער
האָט געענדיקט.

— יאָ.

— אַ דירע האָסטו?

— ניין.

— געלט?

— ניין.

דאָס מעשונעדיקע אינגל האָט זיך צעפייפט און טיף אַריינגע-
רוקט די הענט אין די קעשענעס.

— איר וואוינט אין לאָנדאָן? — האָט געפרעגט אָליווער.

— יאָ, אַז איך בין אינדערהיים, — האָט געענטפערט דאָס אינגל, — איך מיין, אַז דו דאַרפסט ערגעץ נעכטיקן היינט?

— יאָ, איך בין ניט געשלאָפן, זינט כ'בין אַרויסגעגאַנגען פונדערהיים, — האָט געענטפערט אָליווער.

— באַאומרואיק זיך ניט אומזיסט און אומנישט, — איך דאַרף ביז פאַרנאַכט זיין אין לאָנדאָן, וואו כ'בין באַקאַנט מיט איינעם אַ כאָשעוון דזשענטלמען. ער וועט דיר געבן אומזיסט אַ דירע און וועט קיין געלט באַ דיר ניט נעמען... דאָס הייסט, אויב אַ באַקאַנטער דזשענטלמען וועט אים דיך רעקאָמענדירן.

ס'איז אומעגלעך געוועזן אָפּצוזאָגן זיך פון אַזאַ אומגעריכטער איינלאַדונג.

דאָס אינגל האָט געאייצעט אָליווערן ניט פאַרלירן אומזיסט קיין צייט. גאָר-גיך האָבן זיי פריינטלעך זיך צעשמועסט, און אָליווער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין נייער באַקאַנטער הייסט דזשעק דאָקינס, אַז די גוטע פריינט זיינע רופן אים „דער דורכגעטריבענער" און אַז דער אַלטער דזשענטלמען, וועגן וועלכן ער האָט דערציילט, האָט אים זייער ליב.

מיסטער דאָקינס אָנבליק האָט דאַפקע געבעדט ניט לעטוויוועס זיין באַשיצער, נאָר דאָך האָט אָליווער געמיינט זיך פיין פאָרשטעלן זיך דעם אַלטן דזשענטלמען, וואָס ער וועט מיט אים גאָר אינגיכן באַקאַנען זיך. אַזוי ווי דזשעק דאָקינס האָט ניט געוואָלט אַריינגיין קיין לאָנדאָן ביז ס'וועט אָנקומען נאַכט, זיינען זיי אַריינגעטראָטן אין דער טייל לאָנדאָן, וואס הייסט איזלינגטאָן, ערשט אַרום עלף אזייגער. זיי האבן אַרומגעשפאַנט אין אַ שמאָל, שליינגלדיק געסל, און דאָקינס, מאַכנדיק ברייטע שפאַן, האָט געבעטן אליווערן ניט אפשטיין.

אָליווער איז געווען פאַרנומען מיט איין זאַך: ניט אָנווערן דעם גוטן פריינט. דאָך האָט ער באַוויזן אפדערגיין באַם ראכטן ביידע זייטן פון דער גאַס, אַף וועלכער זיי זיינען געגאַנגען. די גאַס איז געווען זייער אייננג און שמוציק, די לופט איז אָנגעשט אָפּט געווען מיט עפעס אַ אומדערטרעגלעכן ריייעך. די געסלעך, וואָס

האָבן איבערגעשניטן די גאַס, זיינען פול געווען מיט כאַשעדיקע לייט און מיט שיקורים.

אָליווער האָט שוין אנגעהויבן טראכטן צי זאל ער ניט אנט-לויפן צוריק.

פלוצלינג האט אים דאָקינס אנגעכאפּט בא א האנט, אים אריינגעשטופּט אין די אָפענע טויערן פון אַ הויז, וואס איז געשטאַנען באַם עק גאַס, און אַריינקומענדיק אין אַ קאָרידאר, פאַרשלאסן הינטער זיך די טיר.

— נו, — האט א געשריי געטון אַ קאָל פון אויבן אלס ענט-פער אַף דאָקינס פייף.

— פאַרדינסט און פאנצער, — האט דאקינס געענטפערט.

דידאזיקע ווערטער האבן געדינט אלס פּאַראָל. א ליכט האט א גלאַנץ געטון באם עק קארידאר און האט באלויכטן דאס פּאנעם פון א מענטשן, וואס איז געשטאנען בא אַ פּארענטש, אַף אלטע טרעפּ.

— איר זיינט דארט אין צווייען — האט געזאגט דער מענטש, אפּווענדנדיק דאס ליכט און פארשמעלנדיק די שיין מיט דער האַנט, — ווער איז דער צווייטער?

— א נייער, — האט געענטפערט דאקינס און האט א שטויס געטון אליווערן פאָרויס.

— פון וואַנען איז ער?

— פונם גרינעם לאַנד. וואס, פערזשין איז אויבן?

— יאָ, שפּאַנט אַריין.

דאָס ליכט איז פאַרשוואונדן געוואָרן און איניינעם מיטן ליכט דער מענטש.

אָליווער האָט, מיט איין האַנט אָנטאַפּנדיק די וואַנט, מיט דער צווייטער אָנהאַלטנדיק זיך אין דאקינסן, גענומען הויבן זיך אַרויף אַף די פינצטערע, איינגעפאַלענע טרעפּ. זיין כאַווער איז געגאַנגען שנעל, ווי ער וואָלט זיי געקאָנט, די טרעפּ, פון גאָר לאנג. ער האָט אופגעעפנט א טיר אין אַ צימער אריין און האָט אַריינ-געשלעפּט מיט זיך אָליווערן.

די ווענט און די סטעליע פון צימער זיינען געווען לאַכלוטן שוואַרץ פון אַלטקייט און פון אומריינקייט. א פּראָסטער טיש איז געשטאַנען לעבן א קאַמין, אַפן טיש — א ליכט, אריינגעשטעקט אין א פלאַש, א צוויי — דריי שטייסלעך, א שמיק פּוטער אין א טעלער.

אַפן קאַמין איז געשטאַנען א קעסל, אין וועלכן ס'האָט עפּעס געזאָטן. לעבן דעם איז מיט א גאָפּל אין האַנט געשטאַנען א איינגעהויקערטער אַלטער. אַף זיין מיעס פּאָנעם זיינען געפאַלן בינטלעך געלע האָר. אנגעטאָן איז ער געווען אין א פלאַנעלענעם סורדעט, אָן אַ קאָלנער; געדאַכט האָט זיך, אז ער איז אינגאַנצן פאַרטון מיטן קאַמין און מיטן שטריק, אף וועלכן ס'זיינען גע-האנגען זיידענע טיכלעך. אַפן דיל זיינען אויסגעפּעט געווען עט-לעכע געלעגערס, איין געלעגער לעבן צווייטן. ארום טיש זיינען געזעסן א פיר — פינף אינגלעך, נים עלטער פון דאָקינסן. זיי האָבן געדרויכערט לאַנגע ליימענע ציבעקלעך און געטרונקען וויין מיט פּענעמער פון באַיאָרטע ליים. אַלע האָבן זיי ארומגערינגלט דאָקינסן, וואָס האָט עפּעס שטיל געמורמלט צום אלטן. דאָקינס האָט זיך א ווענד געטון צו אָל-ווערן, דאָסזעלבע האָט געטון דער אַלטער, וואָס מיטן גאָפּל אין דער האנט.

— אָט איז ער, פעדזשין, — האָט געזאָגט דאָקינס, — מיין פריינט, אָליווער טוויסט.

דער אַלטער האָט א שמייכל געטון, זיך נידעריק פאַרנויגט פאַר אָליווערן, אויסגעשטרעקט אים א האַנט און געזאָגט, אַז ער האָפט צו האָבן די זכיע גאָר אינגיכן נאָענט באַקאַנען זיך מיט אים. דערנאָך האָבן אָליווערן אַרומגערינגלט די אינגלעך, וואָס מיט די ציבעקלעך, און שטייף געדריקט אים די הענט, באַזונ-דערס די האַנט, וואָס אין איר האָט אָליווער געהאַלטן זיין קליין קלומעקל. איינער פון די אינגלעך האָט אַף זיך גענומען די מי באַהאַלטן אָליווערס היטל, אַ צווייטער איז געווען אַזוי געטריי, אַז ער האָט אַריינגעלייגט די הענט אין אָליווערס קעשענעס, קע-דיי באַפרייען אים פון דער מי זיי אויסצולײדיקן פאַרן גיין שלאָפן.

מעגלעך, אַז אָטדי געטריישאַפּט וואָלט זיך נאָך ווייטער און בעסער באוויזן, ווען דער גאָפּל פונם אלטן וואָלט זיי אַלע ניט צעטריבן אַף די ערטער.

— ס'איז אונז זייער, זייער אנגענעמען זען אייך, אָליוועד,— האָט געזאָגט פּעדרושין.

— עי, „דורכגעטריבענער", נעם אַראָפּ דאָס פליישׂ דיינס פונם קאַמין און רוק צו אָליוועדן אַ ביינקל.

— אַ, דו קוקסט אַף די נאָז-טיכלעך, גוטער-ברודערל? זיי זיינען דאָ פּאַראַן אַסאַך, עמעס? מע גיט זיי אונז אַף וואַשן... בלויז אַף וואשן, אָליוועד! כאַ—כאַ—כאַ...

אַלע כעווערלייט האָבן זיך צעלאַכט בא דידאָזיקע רייד פונם אַלטן דזשענטלמען. אָליוועד האָט אופגעגעסן זיין כיילעק אָוונט-ברויט. דער אַלטער האָט אים אָנגעגאָסן אַ גלאָז וואַסער מיט ראָם און געזאָגט, ער זאָל וואָס גיכער אויסטרינקען, ווייל די איבעריקע וואַרטן. אָליוועד האָט געפּאָלגט און קימאַט טייקעף דערפילט, אז מע לאָזט אים שטיל אַראָפּ אַף איינער פון די בעטן. ער איז אַנשלאָפן געוואָרן מיט אַ שטאַרקן שלאָף.

IX

דער אלטער דזשענטלמען און זיינע כעווערלייט

ס'איז שוין שפּעט געווען, ווען אָליוועד האָט זיך אַף מאָרגן אינדערפרי אופגעכאַפּט פון זיין לאַנגן שלאָף. אין צימער איז קיינער ניט געווען כוצן אַלטן פּעדרושין, וואָס האָט געקאָכט קאַווע אַף איבערבייסן און האָט עפּעס אויסגעפייפט, מישנדיק די קאַווע מיט אַ אייזערנעם לעפל. אלע מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, איינגעהערט זיך צום מינדסטן רויש אונטן; דערנאָך האָט ער ווידער געפייפט און געמישט די קאַווע.

סאָפּקאָלסאָן האָט דער אַלטער אַראָפּגענומען דעם קאווע-קעסל פון קאמין. ער האָט זיך עטלעכע רעגעס אַרומגעקוקט, ווי ניט וויסנדיק וואָס צו טון. ער האָט אַ קוק געטון אַף אָליווערן, אים אַ רוף געטון באַם נאָמען, נאָר אָליווער האָט ניט געענטפערט. ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער שלאָפט.

דעמאָלט איז דער אלטער שטיל צו צו דער טיר און זי פאַרשלאָסן אַפן שלאָס. דערנאָך האָט ער ארויסגעשלעפט פון אונטערן דיל א קליין קעסטל און עס אַוועקגעשטעלט אַפן טיש. זיינע אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט, אז ער האָט עס אופגעעפנט. ער האָט צוגערוקט צום טיש א אלט בייגקל, זיך אַוועקגעזעצט און ארויסגענומען פון קעסטל גאָלדענע זייגערס, באזעצטע מיט בריליאַנטן.

— א—האַ! — האָט ער געזאָגט, דרייענדיק מיט די אַקסלען און קרומענדיק דאָס פּאָנעם מיט א מיעסן שמייכל, — פלינקע הינט! פלינקע הינט! זיי האָבן זיך אַריינגעפּאַקט! וואוילע יונגען! וואוילע יונגען! —

מיט אַזעלכע אויסגעשרייען האָט דער אַלטער זיי צוריק אריינגעלייגט אין קעסטל. דערנאָך האָט ער פון דעמזעלבן קעסטל אַרויסגענומען נאָך אַ האַלבן טוץ גאָלדענע זייגערס און זיי מיט גרויס פאַרגעניגן באַטראַכט; דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן אַרויסנעמען בייטעלעך, בראסלעטן און קאָלערליי זעלטענע בריליאַנטענע זאכן.

אוועקגעלייגט זיי צוריק, האָט דער אלטער ארויסגענומען אַ צווייט קעסטל. אַזא קליינס, אז ס'האָט נאָר זיין דלאָניע פאַרנומען. ער האָט אַוועקגעלייגט עס אַפן טיש, פאַרשטעלט מיט דער האַנט און באַטראַכט עס לאַנג, אופמערקזאַם, מורמלענדיק דערביי:

— אַ גרויסאַרטיקע זאך — טויט-שטראָף! די טויטע האָבן קיינמאָל קיין חאַראָטע ניט, די טויטע דערמאָנען זיך קיינמאָל ניט אין זייערע אַלטע זינד. אָט דאָס איז א וואונדערלעכע זאַך צום פאַרקויפן. פינף כעוורעלייט האָבן זיך אַריינגעפּאַקט, און קיין איינער האָט זיך ניט אומגעקערט צוריק.

דעם אַלטנס גלאַנציקע אויגן האָבן ציל-לאָז געבלאָנדזשעט אי-בערן-צימער און זיך אָפּגעשטעלט אַף אָליווערס פּאָנעם. דעם אינ-גלס אויגן זײַנען געווענדעס געווען צו אים מיט שטומען גייגער. דער אַלטער האָט טייקעף פאַרשטאנען, אַז מ'האָט נאָך אים נאָכ-געשפּירט. ער האָט פאַרהאַקט דאָס קעסטל, געכאַפּט דאָס מעסער, וואָס איז געלעגן אַפן טיש, און אין דולן קאַס אופגעשפּרונגען פון זײַן אָרט.

זײַן גאנצער קערפּער האָט געציטערט. דאָס מעסער האָט א פּאָך געטון, א גלאנץ געטון אינדערלופטן.

— וואָס הייסט עס? — האָט אויסגעשריגן דער אלטער, — צו-ליב וואָס קוקסטו עס מיר נאָך? צוליב וואָס האָסטו זיך אופגע-כאפּט? רעד! גיכער, גיכער, אויב סע איז באַ דיר דײַן לעבן טײַער!

— איך קאָן מער ניט שלאָפן, סער, — האָט מיט פאָרכט גע-ענטפערט אָליווער, — ס'טוט מיר זייער באנק, וואָס איך האָב גע-שטערט, סער.

דו האָסט זיך אופגעכאַפּט מיט א שאָ פריער? — האָט גע-פרעגט דער אלטער, שטרייגנ קוקנדיק אפן אינגל.

— ניין, ניין! כ'פארזיכער אייך, סער.

— עמעס? — האָט אויסגעשריגן דער אלטער, ווידער מיט דולן גרימצאָרן קוקנדיק אף אָליווערן.

— איך שווער אייך, סער, אַז ס'איז עמעס, — האָט שנעל געענטפערט אָליווער, — איך האָב זיך ניט אופגעכאפּט.

— ווייס איך, ווייס איך, גוטער ברודער, — האָט געזאָגט דער אלטער. פלוצלינג גוט ווערנדיק און מאכנדיק א אָנשטעל, אַז ער שפּילט זיך מיטן מעסער, — איך ווייס דאָך. כ'האָב דיך נאָר גע-וואָלט אָנשרעקן. דו ביסט א וואויל אינגל! כאַ—כאַ—כאַ. דו ביסט ניט קיין באַל-פּאכעד, אָליווער, — האָט געזאָגט דער אלטער, ריי-בנדיק די הענט, נאָר אַלץ נאָך אומרואיק קוקנדיק אַפן קעסטל.

— דו האָסט געזעען דידאָזיקע שײַנינקע זאַכעגישן, גוטער ברודער? — האָט געפרעגט דער אַלטער, פאַרשטעלנדיק מיט ז'ער האַנט דאָס קעסטל.

— יאָ, סער.

— אַ! — האָט דער אַלטער אויסגעשריגן, בלייך ווערנדיק, — זיי... זיי זיינען מיינע, אָליווער, דאָס זיינען מיינע זאַכן. דאָס איז מיין קליין אייגנטום, אַלץ, וואָס בלייבט מיר אַף דער עלטער. די מענטשן רופן מיך קאַרגער, קאַפּצען; אָט דאָס איז אַלץ.

אָליווער האָט אַ טראַכט געטון, אַז דער אַלטער איז, זעט אויס, טאַקע אינדערעמעסן קאַרג, אַז ער וואוינט אין אַזאַ מיעס אָרט, בעאייס ער האָט אַזויפיל זייגערס, נאָר טייקעף אַ טראַכט געבנדיק, אַז זיין צוגעבונדקייט צום „דורכגעטריבענעם" און צו די איבעריקע אינגלעך דאַרף דעם אַלטן טייער קאָסטן, האָט ער גלייכגילטיק אַ קוק געטון אַף פעדזשין און געפרעגט, צי מעג ער זיך אָנטון.

— מעגסט. גוטער ברודער, מעגסט, — האָט געענטפערט דער אַלטער, — דאָרט, הינטער דער טיר, שטייט אַ עמער וואַסער. ברענג אים אַהער. איך וועל דיר געבן אַ קריגל אַף צו וואַשן זיך.

אָליווער איז אופגעשטאַנען און זיך געלאָזט נאָכן עמער. אַז ער האָט זיך אומגעקערט, איז שוין דאָס קעסטל ניט געווען.

ער האָט נאָך ניט באַוויזן אָרומצעוואַשן זיך און אויסגיסן די וואַסער פון קריגל דורכן פענצטער, — איז געקומען דאָקינס אינאיינעם מיט זיין פריילעכן גוטן פריינט, דעם, וואָס אָליווער האָט נעכטן געזען רויכערן — דעם, וואָס מע האָט גערופן טשאַרלז בעטס. אַלע פיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש, גענומען טרינקען קאַווע און עסן די קנישעקלעך, וואָס דאָקינס האָט מיט זיך געבראַכט אין הוט זיינעם.

— נו, — האָט געזאָגט דער אַלטער, אַ קוק געבנדיק אַף אָליווערן און ווענדנדיק זיך צו דאָקינסן, — כ'האָף, איר האָט צוגעאַרבעט היינטיקן אינדערפרי, גוטע ברידער?

— אויסגעצייכנט, — האָט געענטפערט דאָקינס.

— ביסט אַ כאָכעם, איינער אין דער וועלט! וואָס האָסטו געבראַכט, „דורכגעטריבענער"?

— אַ פּאָר טייסטערס.

— אָנגעפּאַקטע? — האָט געפרעגט דער אַלטער, ציטערנדיק פאַר אומגעדולד.

— היפּשלעך — האָט געענטפערט דאָקינס און אַרויסגענומען צוויי טייסטערס,— איינער א גרינער, דער צווייטער - אַ רויטער.

— זיי זיינען ניט זייער אייגנ,—האָט געזאָגט דער אַלטע־ צעוויקלענדיק זיי,—נאָר זיי זיינען ריין און פיין אויסגעמעלאָ-כעט. א פיינער מייסטער האָט זיי געמאַכט. אָליווער?

— זייער אַ פיינער. סער,— האָט געענטפערט אָליווער.

דערביי האָט זיך בעטס הויך צעלאַכט. אָליווער האָט זיך פאַרשעמט, מיינענדיק, אז ער האָט עפּעס א נארישקייט געזאָגט.

— און דו וואָס האָסט, גוטער ברודער? — האָט דער אַל-טער געפרעגט בעטסן.

— שמאַטקעלעך,— האָט געענטפערט בעטס און האָט ארויס גענומען פון קעשענע פיר נאָזטיכלעך.

— וואויל,— האָט געזאָגט דער אלטער. אופמערקזאַם בא-טראַכטנדיק זיי, — זייער וואוילע טיכלעך; מע דאַרף מיט א נאָדל אַראָפּנעמען פון זיי די צייכן-אויסיעס. מירן עס אויסלערנען אָליווערן, ווי רעכנסטו, אָליווער, אַ? כאַ—כאַ—כאַ!...

— אויב איר ווילט, סער,— האָט געענטפערט אָליווער.

— דו וואָלסט געוואָלט מאכן טיכלעך אַזוי שנעל, ווי בעטס?— האָט געפרעגט דער אַלטער.

— כ'וואָלט זייער געוואָלט. איר לערנט מיך נאָר אויס.

בעטס האָט זיך ווידער צעלאַכט אַף אַ קאָל, אפילע די קא-ווע צעגאָסן פאַר געלעכטער.

— אָט א נאַאיווקייט! — האָט ער אויסגעשריגן, ווען ער האָט ענדלעך אופגעהערט צו לאַכן.

דאָקינס האָט ניט געזאָגט קיין וואָרט. ער האָט אַ גלעט גע-טון אָליווערן איבערן קאָפּ און צוגעגעבן, אז מע וועט אים אלצ-דינג אויסלערנען. דער אַלטער האָט גענומען שמועסן וועגן עפעס אַנדערש, געפרעגט, צי איז אסאַך אוילעם געווען אין דעם פרי-מאָרגן בעאייסן אויספילן דעם טויט-שטראָף. די ענטפערן פוןביידע

אינגלעך האָבן געצוואונגען אָליווערן פֿאַרכידעשן זיך: וואו האָבן זיי געקריגן אַזוי פֿיל צייט אָפּ צו זיין אומעטום, ווי אַרבעטס-פֿייאיק זיינען זיי!

נאָכן פֿרישטעק האָבן דער אַלטער און די צוויי אינגלעך גענומען שפּילן זיך אין זייער אַ פֿריילעכער שפּיל: דער פֿריילעכער אַלטער האָט אַריינגעלייגט אין איין קעשענע פֿון די הויזן אַ טאַבאַק-פּושקעלע, אין דער צווייטער — אַ טייסטער, אין קעשענע פֿון סורדעט — אַ זייגער. דאָס קייטעלע פֿון זייגער האָט ער אָנגעטון אַפֿן האַלדז, צוגעשפּיליעט צו דער מאַנישקע אַ בריליאַנטענע שפּילקע און שטייף פֿאַרשפּיליעט דעם גאַנצן סורדעט. דערנאָך האָט ער אַריינגעלייגט אין די קעשענעס אַ זייגער-שעכטעלע און אַ טיכעלע און גענומען שפּאַנען איבערן צימער, קלאַפּנדיק מיטן שטעקן און נאָכמאַכנדיק די אַלטע דזשענטלמענען, וואָס מע קאָן זיי אָפֿט באַגעגענען אין גאַס. אַלעמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט באַם אויוון אָדער באַ דער טיר און זיך געמאַכט, ווי ער קוקט אַריין אין די פֿענצטער פֿון קלייטן.

בעאייס-מאַיסע האָט ער מיט מוירע אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט פֿאַר גאַנאָווים, און האָט אַלע רעגע באַטאַפּט די קעשענעס, צי האָט ער ניט פֿאַרלוירן עפּעס. ער האָט דאָס אַלץ געמאַכט אַזוי קאָמיש-נאַטירלעך, אַז אָליווער האָט געקייכט פֿאַר געלעכטער. ביידע אינגלעך זיינען דערווייל נאָכגעגאַן נאָכן אַלטן און אַזוי שנעל אָפּגעשפּרונגען, ווען ער פֿלעג זיך אומקוקן, אַז ס'איז אומעגלעך געווען נאָכצושפּירן נאָך זייערע באַוועגונגען. ענדלעך, האָט דאָקינס אָנגעטראָטן דעם אַלטן אַפֿן פֿוס, בעסס האָט זיך אין דערזעלבער רעגע פֿאַרטשעפּעט הינטערן אַלטן, און אין אַ רעגע האָבן זיי מיט וואונדערלעכער פֿלינקייט צוגענומען באַם אַלטן דאָס טאַבאַק-פּושקעלע, דעם טייסטער, דעם זייגער, דאָס קייטעלע, די שפּילקע, דאָס טיכעלע, אַפֿילע דאָס זייגער-שעכטעלע. אויב דער אַלטער פֿלעג דערפֿילן די האַנט אין קעשענע, פֿלעג ער זיך צעשרייען, און די שפּיל פֿלעג זיך אָנהייבן אַפֿסניי.

ענדלעך האָט טשאַרלז געזאָגט, אַז מע דאַרף שוין גיין. ער מיט דאַקינסן ויינען אויך געגאַן; דער אַלטער האָט זיי געגעבן געלט.

— אָט, גוטער ברודער,— האָט געזאָגט דער אַלטער צו אָלי-ווערן,— אַן אַנטיק אַ לעבן. ניט עמעס? זיי זיינען אוועק אויף אַ גאַנצן טאָג.

— זיי האָבן שוין פאַרענדיקט זייער אַרבעט? — האָט גע-פרעגט אָליווער.

— יאָ,— האָט געענטפערט דער אַלטער,— סיידן עפּעס אומ-פערוועגס וועלן זיי טרעפן עפּעס אַן אַרבעט; זיי וועלן זיך גע-ווים פון איר ניט אָפּזאָגן. דו לערן זיך פון זיי, גוטער ברודער, לערן זיך פון זיי,— האָט דער אַלטער געקלאַפּט מיטן פויסט אין טיש,— טו אַזוי. וואָס זיי וועלן דיר זאָגן, פרעג שטענדיק בא זיי אַ אייצע, באַזונדערס באַם „דורכגעטריבענעם". ער וועט זיין זייער אַ גרויסער מענטש. ער וועט דיר אויך העלפן ווערן אַ גרויסער מענטש. דו פאָלג אים נאָר. וואָס? מיין טיכעלע הייגט אַרויס פון דער קעשענע, גוטער ברודער? — האָט, פלוצלינג אָפּ-שטעלנדיק זיך, געפרעגט דער אַלטער.

— ס'הייגט אַרויס, סער,— האָט געענטפערט אָליווער.

— גיב אַ פּרואוו, דו קאָנסט עס אַרויסשלעפּן אַזוי, אַז איך זאָל ניט פילן? האָסט דאָך געזען, ווי אַזוי מיר האָבן זיך גע-שפּילט.

אָליווער האָט, נאָכמאַכנדיק דאַקינסן, מיט איין האַנט אָנגע-כאַפּט זיך באַ דער קעשענע און מיט דער צווייטער אַרויסגע-שלעפּט דאָס טיכעלע.

— אַרויסגעשלעפּט? — האָט געפרעגט דער אַלטער.

— יאָ,— האָט געענטפערט אָליווער.

— אָ, דו ביסט אַ פלינקער יונג,— האָט אויסגעשריגן דער פרייליכער אַלטער און געגלעט אָליווערן איבערן קאָפּ,— איך האָב קיינמאָל ניט געזען אַזאַ כאָכעמל. אָט, נאַ דיר אַ שילינג. אויב דו וועסט שטענדיק באַווייזן אַזאַ קונץ, וועסטו מיט דער צייט

ווערן א רייכער מענטש. איצט קוק אהער, כ׳וועל דיר ווייזן, ווי אַזוי מע נעמט אַראָפּ די צייכן-אויסיעס פון די טיכלעך.

אָליווער האָט זיך געכידעשט: ווי אַזוי קאָן ער עס לערנען אַ רייכער מענטש, אויב ער ווייס, שפּילנדיק זיך, ארויסשלעפּן א טיכעלע פונם אַלטן דזשענטלמענס קעשענע? נאָר טייקעף האָט ער זיך באַטראַכט, אַז פעדזשין איז אַ סאַך עלטער פון אים, אַז ער, פעדזשין, ווייסט מערער, איז ער צוגעגאַנגען נאָך פעדזשינען צום טיש און זיך פלייסיק פאַרנומען מיט דער נייער וויסנשאַפט.

X

דאָס לעצטע

עטלעכע טעג איז אָליווער פאַרבליבן אינם אַלטנס צימער, אַראָפּנעמענדיק די צייכן-אויסיעס פון די טיכלעך. וואָס מ׳האָט זיי אלע טאָג אָן א שיר אָנגעבראַכט. אָפט פלעג ער אנטייל גענעמען אין דער שפּיל, אין וועלכער סע פלעגן שפּילן זיך אלע אינדערפרי דער אַלטער און ביידע אינגלעך. ס׳האָט זיך אָליווערן שוין פאַרגלוסט אַ אָטעם צו טון מיט פרייער לופט, — ער האָט גענומען בעטן דעם אַלטן, ער זאָל דערלויבן אים גיין אף אַרבעט איינעם מיט די צוויי אינגלעך.

סאָפּקאָלסאָף, אין איינעם א פרימאָרגן האָט אָליווער געקריגן די דערלויבעניש גיין מיט זיי. קיין ארבעט מיט טיכעלעך איז שוין ניט געווען א טאָג צוויי, און די וואָרעמעסן זיינען אלץ ערגער און ערגער געוואָרן. מיסטאָם האָבן דידאָזיקע סיבעס געצוואונגען דעם אַלטן דזשענטלמען, ער זאָל מאסקים זיין. ער האָט אָפּגעלאָזט אָליווערן און אָנגעזאָגט טשאַרלזן און דאָקינסן, זיי זאָלן אכטונג געבן אף אים.

די דריי אינגלעך זיינען ארויסגעגאן איינעם: דער „דורכגעטריבענער", ח״י געווײנלעך,—מיט פאַרבויגענע ארבל, טשאַרלז—מיט די הענט אין די קעשנעס, אַליווער צווישן זיי, ניט פאַרשטייענדיק, וואוהין גייען זיי עס און וואָס פאר א מעלאָכע וועט מען עס אים אָנהויבן לערנען.

זיי זיינען געגאן פּוילבלעך, פּאמעלעך. אָליווער האָט א טראכט געטון, אַז די כאווײרים ווילן אָפּנאַרן דעם אלטן און וועלן אינגאנצן ניט גיין אף דער ארבעט. דער „דורכגעטריבענער" האָט געהאַט א מיעסע טעווע אראָפּצונעמען פארבייגייענדיק די היטעלעך פון די קליינע אינגלעך און וואַרפן זיי ארויף. בעטס האָט אַלע-מאָל גענומען פון די שטעלעכלעך עפּל און אריינגעוואָרפן זיי צו זיך אין די קעשענעס, וואָס האָבן-זעט אויס, קיין דנאָ ניט גע-האַט. דאָס אלץ איז ניט געפעלן געוואָרן אָליווערן. ער האָט שוין געוואָלט אומקערן זיך צוריק.

נאָך פלוצלינג האָט דאָקינס זיך אָפּגעשטעלט, אַרופגעלייגט אַ פינגער אַף די ליפּן און פּאָרזיכטיק אָוועקגערופן דעם כאווער.

— וואָס איז מיט אייך? — האָט געפרעגט אָליווער.

— שטילער,—האָט געענטפערט דאָקינס,—דו זעסט אָט-יענעם אלטן פויגל, וואָס לעבן דער ביכער-קלייט?

— דעם אַלטן דזשענטלמען? — האָט געפרעגט אָליווער,—כ'זע.

ער האָט פארכידעשט געקוקט אַף די אינגלעך. נאָך ער האָט ניט געהאט די האָזע פרעגן זיי. זיי זיינען אריבערגעגאַן אריבער דער גאס און גענומען דרייען זיך אַרום אלטן דזשענטלמען. אָליווער האָט דורכגעשפּאנט עטלעכע טריט נאָך זיי, און ניט ווי-סנדיק, צי זאָל ער גיין פאָראויס, צי זאָל ער גיין צוריק, איז ער געבליבן שטיין שטומענדיק.

דער אלטער דזשענטלמען האָט געהאט זייער א כאָשעוון אויסזען. זיין קאָפּ איז אָנגעפּודערט געווען, ער האָט געטראָגן גאָלדענע ברילן, א גרינעם ראָק מיט א שווארצן סאמעטענעם קאָלנער, ווייסע הויזן און א באמבוק-שטעקל אונטער דער פּאכווע. ער האָט גענומען א בוך פון קלייט און געלייענט הויך, אף א קאָל,

ווי בא זיך אינדערהיים. פארטון אין לייענען, האָט ער ניט געזען ניט די גאס, ניט די אינגלעך, ניט געזען גאָרניט, כוץ בוך.

אָליווערן איז פלוצים שווידער באַפאַלן. דאָקינס האָט אַראָפּ־געלאָזט די האַנט אינעם אַלטן דזשענטלמענס קעשענע, ארויסגע־נומען פון דאָרט אַ טיכעלע און עס איבערגעגעבן טשארלזן. דער־נאָך האָבן זיי זיך ביידע געלאָזט לויפן און זייַנען פאַרשוואונדן גע־וואָרן הינטערן ראָג.

אין איין רעגע איז אָליווערן קלאָר געוואָרן פון וואַנען סע נעמען זיך די נאָז־טיכעלעך, די זייגערס, די ברילייאַנטן. דאָס בלוט אין די אָדערן זייַנע האָט געגומען גליווערן. ער איז גע־שטאַנען געפּלעפּט. דערנאָך האָט ער, ניט וויסנדיק וואָס צו טון, געלאָזט זיך לויפן פייל־פון־בויגן.

אין דערזעלבער רעגע האָט דער אַלטער דזשענטלמען אַרייַנ־געלי... די האַנט אין קעשענע. ניט געפינענדיק דאָס טיכעלע, האָט ער זיך אומגעקוקט. ער האָט געזען אַ אינגל, וואָס אַנטלויפט, האָט ער טייקעף געדרונגען דערפון, אז דאָס איז דער גאַנעוו. גענומען שרייען „כאַפּט דעם גאַנעוו!" און זיך געלאָזט לויפן נאָך אים מיטן בוך אין דער האַנט.

דאָקינס און טשאַרלז, אַז זיי האָבן אין טויער הינטערן ראָג דערהערט אַ געשריי און דערזען דעם לויפנדיקן אָליווערן, זייַנען זיי פלינק ארויסגעלאָפן און שרייענדיק „כאַפּט דעם גאַנעוו" גע־לאָזט זיך, ווי אָרנטלעכע לייט, נאָכיאָגן נאָך אים. אָליווער איז געפלויגן, ווי אַ ווינט. נאָך אים זייַנען נאָכגעלאָפן דער אַלטער דזשענטלמען און די צוויי אינגלעך.

„כאַפּט דעם גאַנעוו!" „כאַפּט דעם גאַנעוו!"—אָט די ווערטער ווירקן וואונדערלעך. דער קרעמער פאַרלאָזט זייַן קלייט, דער פורמאַן זייַן פור, דער קאַצעוו — זייַן מאַסע, דער בעקער — זייַן קויש, די מילכיקערן — אירע קריגן, דער פּאָסט־טרעגער — זייַנע פּאַקעטן, דער שילער — זייַנע ביכער, דאָס קינד — זייַן קייקעלע. אַלע לויפן, שטופּן איינער דעם אַנדערן, קערן איינער דעם

אנדערן איבער, שרייען, זידלען זיך. די גאסן און די געסלעך זיינען פול מיט ווייערע געשרייען.

„כאפט דעם גאנעוו!" „כאפט דעם גאנעוו!" — דעם גוואלד כאווערן איבער הונדערטער קוילעס, און דער האמוין ווערט אלץ גרעסער און גרעסער. אלע לויפן, שפרינגען אריבער איבער קא־ליוושעס, פארטשעפן זיך אין שטיינער, פענצטער עפענען זיך אויף, דער אוילעם לויפט און שרייט: „כאפט דעם גאנעוו! כאפט דעם גאנעוו!"

מענטשן זיינען פארליבט אין געיעג. דאס פארמאטערטע אינ־געלע, מיט פאכעד אין בליק, נעמט צענויף די לעצטע קויכעס קעדיי צו אנטלויפן פונם נאכיאג. דער שוויס רינט אף זיין פא־נעם, נאר מע יאגט נאך, מע דעריאגט אים. דער גוואלד ווערט אלץ העכער און העכער: „כאפט!" ענדלעך האט מען אים דעריאגט.

ער איז אומגעפאלן אף דר'ערד. דער האמוין האט אים ארומגערינגלט. יעדערער וויל א קוק טון אף אים.

— אין א זייט אריין! — לאזט אים אפרוען!

— וואס נאך? ער האט עס פארדינט! — וואו איז דער דושענטלמען? — אט גייט ער! — לאזט צו דעם דושענטלמען! — אט דאס איז דאס יינגל, סער?

— יא?

אליווער איז שוין געלעגן אין בלאטע, מיט בלוט באם מויל, ווילד קוקנדיק אפן האמוין ארום. דעם אלטן דושענטלמען האט מען אריינגעשטופט אין סאמע מיטן.

— יא, — האט געזאגט דער דושענטלמען, — כ'האב מוירע, אז דאס איז ער.

— איר האט מוירע? — איז ניט צופרידן געווען דער הא־מוין, — וואס הייסט!

— איך האב אים געכאפט, סער — האט געזאגט א הויכער יונג, ארויסכרעסנדיק פארויס, — איך האב אים א זעץ געטון אין די ציין אריין. איך האב אים געכאפט, סער.

ער האָט אַראָפּגענומען דעם הוט מיט אַ שמייכל, האָפֿנדיק, אַז ער וועט עפּעס באַקומען פֿאַר דער מי. נאָר דער אַלטער דזשענטלמען האָט זיך אַף אים ניט אומגעקוקט. דער פּאָליציי-מאַן האָט זיך דורכגעשטופּט דורכן האַמוין און אָנגעכאַפּט אָלי-ווערן באַם קאָלנער.

— נו, שטיי אוף! — האָט ער בייז געזאָגט.

— דאָס האָב ניט איך געטון, סער. ס'איז צוויי אַנדערע אינגלעך! — האָט אויסגעשריגן אָליווער, צענויפֿדריקנדיק אין איינס די הענט און אַרומקוקנדיק זיך, — זיי זיינען ערגעץ דאָ נאָענט.

— ניין, — האָט געזאָגט דער פּאָליציי-מאַן. ער האָט געמיינט, אַז ער רעדט אירעניש, נאָר טשארלז און דאָקינס זיינען שוין טאָקע פֿון לאַנג פֿאַרשוואונדן געוואָרן.

— נו, נו, שטיי אוף! — האָט אַ געשריי געטון דער פּאָליציי-מאַן, — שטיי אוף שעדל!

אָליווער איז קאָם געשטאַנען אַף די פֿיס. דער פּאָליציי-מאַן האָט אים באַם קאָלנער אַוועקגעשלעפּט איבער די גאַסן אין פּאָ-ליציע אַריין. דער האַמוין איז ווי נאָכגעגאַן, פֿאַרלויפֿנדיק פֿאָ-רויס, וועלנדיק אַ קוק טון אַף אָליווערן. אינגלעך האָבן געגוואַל-דעוועט און געקוויטשעט.

ענדלעך האָט זיך באַוויזן די געביידע פֿונם פּאָליציי-צירקל. דער פּאָליציי-מאַן האָט אַריינגעשלעפּט נאָך זיך אָליווערן. די טיר האָט זיך פֿאַרהאַקט אונטער זיי.

— וואָס וועט עס ווייטער זיין? — האָט אים שווידער גע-טראַכט אָליווער.

אינהאַלט

ז.

I. דאָס אָרט, וואו אליוועך איז געבוירן געוואָרן — — — 3

II. ווי אזוי מע האָט אליוועך דערצויגן — — — — — 6

III. מע גיט אליוועך אוועק לערנען זיך — — — — 18

IV. אליוועך טרעט ארויס אין דער גרויסער וועלט — — — 27

V. אליוועך באקענט זיך מיט ניעס אָוילעם און מיט לעוואיס — 32

VI. אליוועך מארכידעשט נאָך — — — — — — 42

VII. וואָס איז געשען דערנאָך — — — — — — 46

VIII. גליוועך גייט קיין לאָנדאָן — — — — — — 51

IX. דער אלטער דזשענטעלמען און זיינע כעווירע-לייט — — 58

X. דאָס לעצטע — — — — — — — — — ‹5

שול-און פיאנערן-ביבליאטעק

(ערשטע צען נומערן)

1. דזש. ווערנא—געשטעמפלטער געלער
2. מולטאטולי—סאאיד און אדינדע
3. דזש. לאנדאן—אף די ברעגן פון סאקראמענטא און אנד.
4. טש. דיקענס—אליווער טוויסט
5. א קאראסי—ניני און טשיקא קעגן פאשיסטן
6. שאלעם-אלייכעם—מעסושעלאך, ראבטשיק
7. ל. טראצקי—אהין און צוריק

8—10 מ. טווען—טאם סאיער

פרייז 35 קאפ.

ЧАРЛЬЗ ДИККЕНС

ОЛИВЕР ТВИСТ

Кооп. Изд. „Культур-Лига"

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג
„קולטור-ליגע"
קיעוו—1925

הילע נעדרוקט אין קיעוו. פּאָל שול באַעם. 961 - 4100